UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 139 - Spring 2002 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/0g45b361

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 139(1)

**Publication Date**
2002

**Copyright Information**
Copyright 2002 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 139

פרילינג
תשס"ב

SPRING
2002

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**ARBETER RING/**
**THE WORKMAN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט



# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט

מ.ש.: 50 יאָר נאָך דעם מאָסקווער מאָרד ........ 3
פּ. מאַרקיש: לידער ........ 7
ד. בערגעלסאָן: צוויי רוצחים ........ 19
ד. האָפשטיין: לידער ........ 14
ש. האַלקין: לידער ........ 15
ל. קוויטקאָ: לידער ........ 16
א. פעפער: לידער ........ 17
מ. קולבאַק: ליד ........ 18
דער. נסתר: מוסר ........ 19
מ. וואָלף: יידישע דיכטערינס פון דעם אַמאָליקן סאָוועטנפאַרבאַנד ........ 28
פּ. פלאָטקין: לידער ........ 37
ד. וואָלפע: באַגעגעניש מיט אַ נאָמען ........ 38
צ. אייזנמאַן: ליד ........ 42
מ. אייזענבוד: אַן עפּאָפּיי פון הערצאָגים ........ 43
ג. סלוצקי־קאָהן: ליד ........ 47
מ. שקליאַר: דריי באַגעגענישן ........ 48
מ. בן שלמה זאב: ביז דעם לעצטן אויסהויך פון דער נשמה ........ 53
ע. פישבין: חיים סוטין קומט קיין פּאַריז ........ 59
ע.פּ.: אַ טרער אויפן קבר פון אברהם קראַל ........ 62
מ. דוד חייט: איר בליק שטייט מיר פאַר די אויגן ........ 63
ש. גאָרשמאַן אַזאַ ליבע באַשעפעניש ........ 65
א. ביידער: צום אָנדענק פון יאַנוש קאָרטשאַק אין ישראל ........ 66
מ. ספדי: סעמינאַר געווידמעט אונדזער קולטור־ירושה ........ 67
*אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 69
נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 70
ל.ע: צום אָנדענק פון ליובע קאָנטאָראָוויטש־גילינסקי ........ 71

---

(סוף פון ז' 66)

דער ציל פון דער ירושלימער סטודיע איז העלפן קינדער און דערוואַקסענע עולים אין דער נישט לייכטער צייט פון זייער איינגלידערן זיך אין דער געזעלשאַפט פון ישראל. אין דער סטודיע ווערן אַריינגענומען קינדער אין עלטער פון פינעף יאָר, צו זיבן יאָר לערנט מען זיי אָנטייל נעמען אין ספּעקטאַקלען.

די קאָרטשאַק־סטודיע אין ירושלים העלפט די קינדער אין זייער עסטעטישער אַנטוויקלונג דורך מוזיקאַלישער, טעאַטראַלער און פּלאַסטישער בילדונג. מען פּרוווט צונויפקלייבן אין דער סטודיע קינדער, געקומענע פון פאַרשיידענע גלות־לענדער און לערנען זיי דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך פון קונסט.

# חשבון

**נומ. 139**

**פעריאָדישע שריפט**

פאַר ליטעראַטור און

קולטור־פּראָבלעמען

**משה שקליאַר:**

רעדאַקטאָר

**ישׂראל גובקין:**

מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:

**נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.**

**צבי הירש, פאַרוואַלטער**

**זעלדע מאַלעוויטש**

**לילקע מייזנער**

**יעקב שייפער**

**56־ער יאָרגאַנג, נומער 139 • פרילינג 2002 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.**


## 50 יאָר נאָך דעם מאָסקווער מאָרד

*"ווי די ייִדעס פּלעגן זאָגן תהילים שטילערהייט,*
*לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק".*
*משה שולשטיין*

באַלד וועט ווערן 50 יאָר זינט אין מאָסקווע, דער הויפּשטאָט פון געוועזענעם סאָוועטן פאַרבאַנד, איז אויסגעפירט געוואָרן דער גרויזאַמער מאָרד איבער די הויפּט־שאַפער פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור און ליטעראַטור. געשען איז עס דעם 12־טן אויגוסט 1952. די דאָזיקע דאַטע איז מיט בלוטיקע אותיות פאַרקריצט אין אונדזער היסטאָרישן זיכרון, און ווי אַנדערע טראַגישע דאַטעס וואָס באַגלייטן אונדזער טויזנטער יאָריקן געשיכטלעכן גאַנג, טאָרן מיר נישט און ווען זי נישט פאַרגעסן! און ווי עס שרייבט דער דיכטער דאַרפן מיר "זאָגן" נישט בלויז קאַפּיטלעך קולבאַק און כאַריק, נאָר אויך קאַפּיטלען מאַרקיש און פעפער, בערגעלסאָן און דער נסתר, האָפשטיין און האַלקין, און נאָך און נאָך קאַפּטלעך פון די סאָוועטיש ייִדישע שרייבערס, קולטור־טוערס און שאַפערס אין אַלע געביטן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם גרויזאַמען סטאַלין־רעזשים נישט בלויז אין 1952 נאָר אויך אין די פריערדיקע יאָרן.

און וואָס שייך די פריערדיקע יאָרן, מיינען מיר קודם כל די סוף דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, און נאָך פריער, ווען עס זענען בהדרגהדיק ליקווידירט געוואָרן די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס, שולן, טעאַטערס, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן וואָס האָבן געהאַט אויפגעבליט ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן אין די נאָך רעוואָלוציע יאָרן אין רוסלאַנד. און גלייכצייטיק איז דאָרט אויך ליקווידירט געוואָרן יעדער סימן, יעדער שפּראַך פון העברעישן שאַפן, נישט זעלטן צוזאַמען מיט די שאַפערס.

ערשט אין די יאָרן פון דער מלחמה קעגן היטלער־דייטשלאַנד, ווען עס איז נייטיק געווען צו מאָביליזירן אַלע כוחות כדי אָפּשלאָגן דעם שונא וואָס האָט שוין געהאַט דערגרייכט ביז די טויערן פון מאָסקווע איז, ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט אויסזען, געוואָרן לייכטער דעם ייִדישן שרייבער, ווייל מען האָט זיך גענייטיקט אין אים, ווייל עס איז נייטיק געווען זיין פאַרבינדונג

מיט דער אויסערלעכער וועלט... איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, אָבער ווי אַ פּרעליוד צום שפּעטערדיקן גרויסן פאַרברעכן, זענען אין געהיים דערמאָרדעט געוואָרן די נאָבעלע פירער פון בונד אין פוילן, הענדיק ערליך און וויקטאָר אַלטער; די פאָרשטייער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, מיכאָעלס און פעפער, זענען געפאָרן קיין אַמעריקע כדי אָרגאַניזירן הילף פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד (פאַר וואָס זיי האָבן, אגב, שפּעטער באַצאָלט מיטן לעבן...)
יידישע שרייבערס האָבן ווידער געקאָנט זיך ווענדן צו נאַציאָנאַלער טעמאַטיק און קיינער איז נישט בודק געווען. אָדער עס האָט זיך געדאַכט בלויז, אַז מען איז נישט בודק. פאַקטיש האָט אויך דעמאָלט געוואַכט דאָס אויג פון דער קג"ב, און ערגעץ אין די געהיימע קאַבינעטן זענען געזאַמלט געוואָרן אָנקלאַג־מאַטעריאַלן קעגן אַלע צוזאַמען און יעדן באַזונדער. און אפשר איז שוין דעמאָלט אויך געגרייט געוואָרן די פּראָוואָקאַציע מיט דעם קרימער האַלב־אינדזל, וואָס די יידן האָבן כלומרשט געזאָלט פאַרלאַנגען פאַר זיך, כדי עס שפּעטער אָפּרייסן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד?...
ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט איז ווי אַ שמוציקע כוואַליע אַרויס פון די ברעגן דער אַנטיסעמיטיזם וועמענס באַצילן האָבן באַזונדערס אויפגעלעבט אויף די שטחים וואָס זענען פריער געווען אָקופּירט דורך די דייטשן.
נאָך דעם פּראָוואָקאַטאָרישן מאָרד איבער דעם פאָלקס־אַרטיס שלמה מיכאָעלסן, אין יאַנואַר 1948, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע מצד די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און רעגירונג, אין וועלכער עס איז איינגעשפּאַנט געוואָרן די גאַנצע סאָוועטישע פּרעסע, און אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן דער ענדגילטיקער בלוטיקער פּאָגראָם איבער דער יידישער ליטעראַטור און קונסט. איינער נאָכן אַנדערן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען און פאַרשלעפּט אין די קאַזעמאַטן די אָנפירער פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס. די מערהייט פון זיי האָט שוין מער נישט געזען די ליכטיקע שיין.
לאַנגע דריי און אַ האַלב יאָר האָבן זיי געשמאַכט אין די תפיסות, זענען דורכגעגאַנגען די שוידערלעכסטע פּייניקונגען, ביז זייער טראַגישן סוף. אָבער די פּייניקונגען האָבן זיך נישט אָנגעהויבן אין ווינטער פון יאָר 1949; דעמאָלט האָבן זיך בלויז אָנגעהויבן די פיזישע פּייניקונגען - די גייסטיקע, די מאָראַלישע פּייניקונגען האָבן, ווי דערמאָנט, שוין געדויערט יאָרן לאַנג, באַזונדערס זינט 1936 - 1937 ווען עז זענען "פאַרשוווּנדן" געוואָרן דער ווונדערלעכער זינגער פון דער ליטע, משה קולבאַק, דער מחבר פון דער פּאָעמע "רייסן", פון "דיסנער טשיילד האַראָלד" און "די זעלמעניאַנער"; און איזי כאַריק, דער מחבר פון "מינסקער בלאָטעס" און אָן אַ צאָל אַנדערע פּאָעמעס און לידער; און צוזאַמען מיט זיי - צענדליקער, הונדערטער יידישע

קולטור־טוערס, וויסנשאַפטלערס, קינסטלערס פון מאָסקווע, קיעוו, כאַרקאָוו, מינסק און ביראָבידזשאַן...

אין יידישע היימען איבער דער לענג און ברייט פון גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווו ס'האָט "אַזוי פריי געאָטעמט דער מענטש", ווי עס זינגט זיך אין אַ באַקאַנט רוסיש לידל, באַזונדער אין די היימען פון די סאָוועטישע יידישע קולטור־שאַפערס, האָט געהערשט שרעק און פאַרצווייפלונג, האָט מען זיך געמוזט היטן מיט אַ וואָרט, ווייל "די ווענט האָבן געהאַט אויערן", און אין קרעמל האָט געוואַכט דער "פאָטער פון די פעלקער"...

* * *

אין סאַמע ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט פרץ מאַרקיש געשריבן אין אַ ליד:

"אַצינד, ווען ס'קערט די ריאה מיר זיך אום צוריק אַליין,
איז מיר אַ ריס די אויגן עפענען און זען מיט יעדן גליד דאָ,
אַז ס'איז מיין האַרץ אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שפּיגל אויף אַ שטיין,
און מיט אַ קלונג פון בראָך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט"...

איז פּרוּוון מיר זיך פאָרשטעלן אויף אַ רגע, אַז די ריאה האָט זיך ווירקלעך צוריק געקערט צום גרויסן דיכטער־נביא, צו דעם וואָס פּאָעזיע האָט געשטורעמט אין אים ווי אַ לאַווע פון אַ ווולקאַן, וואָלט אוודאי זיין האַרץ אויף ס'ניי "מיט א קלונג פון בראָך אויף שטיקער זיך צעשפּליטערט". געזען וואָלט ער דעם גרויסן חורבן פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפערס וועמענס ביינער זענען צעשפּרייט איבער די שטחים פון אַלע גולאַג־אַרכיפּעלאַגן, פון די קאָלימאַס און וואָרקוטאַס, פון אַרום דעם פּאָליאַר־קרייז און אונטער די מויערן פון דער מאָסקוער לוביאַנקאַ־תּפיסה... צי וואָלט אים אַ טרייסט געווען די שפּעטערדיקע מאַסן־עליה פון רוסישע יידן קיין ישראל, ווי ער האָט זיך עס אַ מאָל געהאַט פאָרגעשטעלט אין זיין דיכטערישער וויזיע? און אפשר וואָלט ער ווידער איבערגעחזרט די ווערטער פון אַ שפּעטערדיק ליד זיינס, אפשר דאָס לעצטע, וואָס קלינגט אַזוי טראַגיש־אָפּטימיסטיש:

"וויפל נאָך איז אונדז געגעבן
זיך צו פרייען מיט דעם לעבן־
ביז צום טרויריקן ראַנד -
גיס זשע אָן מיט ברייטער האַנט.
הויב דעם כוס אויף ביז די שטערן
פאַר די לעצטינקע באַגערן".

די לעצטינקע באַגערן... פאַר אָט די לעצטינקע באַגערן, פאַר גליק און פרייד, פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַרן יידישן פאָלק האָט ער אָפּגעגעבן זיין

לעבן. און צוזאַמען מיט אים - אַלע צענדליקער, הונדערטער יידישע שרייבערס און קינסטלערס, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן פאַר הייליק האַלטן דאָס יידישע לשון.

ווען דו לייענסט היינט די ווערק פון די שרייבער־קדושים, קאָנסטו אַרויספילן זייער פאָראַנונג פון דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, גלייך זיי וואָלטן מיטן אינערלעכן אויג שוין געזען אַ סך פריער סטאַלינס פאַרהויבענע האַק איבער זייערע קעפּ, איבער די קעפּ פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָט דאָך שוין אין די דרייסיקער יאָרן איזי באַריק געשריבן:

„מיר זענען דאָ געשטאַנען אויף דער ערד
מיט שטויב פון חורבן אויף די אַרבל...
און אונדז איז נאָר געווען באַשערט
זינגענדיק זיך לייגן דאָ און שטאַרבן."

און לייב קוויטקאָס ליד „ערב" פון 1942 יאָר, וועגן דער נאַצישער יידן־אויסראָטונג, צי קלינגט עס נישט ווי אַ מעמענטאָ פאַר די צייטן וואָס וועלן קומען אונטער סטאַלינען?

„מיר האָבן ווייטיקן געלינדערט,
פלאַנעטן האָבן מיר געפאָרשט,
און פרייד און מוט און וויסן דאָרשט
מיר האָבן איינגעפלאַנצט אין קינדער.
נאָר יענע פלאָג האָט אונדז געטראָפן
אין סאַמע מיטן העלן טאָג -
און קינדער האָבן זיך צעקלאָגט,
נאָך אונדז האָט זיך דער טויט צעיאָגט
פון דרום־ראַנד ביז ים פון צפון".

ער האָט זיי אַלעמען פאַרשלונגען, דער גרויזאַמער טויט. בלויז ווייניקע זענען געבליבן און איבערגעלעבט דעם תלין. נאָר אויך פון די וואָס זענען געבליבן איז שוין כמעט קיינער נישטאָ. די אומברחמנותדיקע צייט האָט געטאָן אירס... נאָר מיר, וואָס שפינען ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער יידישער קולטור, וועלן קיין מאָל נישט פאַרגעסן דאָס טראַגישע קאַפּיטל וואָס עס סימבאָליזירט מיט זיך דער 12־טער אויגוסט 1952!

* * *

*אויף די ווייטערדיקע זייטן פונעם זשורנאַל "זאָגן" מיר אייניקע קליינע קאַפּיטלעך פון די גרויסע אומגעבראַכטע שרייבערס און ברענגען אַ ריי שייכותדיקע מאַטעריאַלן.*

**מ.ש.**

## פרץ מאַרקיש

* * *



איך האָב נאָך בלוט! און כ׳בין עס עמעצן נאָך
שולדיק!
מע מאָנט עס שוין! מע מאָנט! איך ווייס ניט: פריער
- ווענמען...
ס׳גייט אויף דער מולד, ווי אַ האַק פון אונטער דיינע
שולטער,
און ס׳לאָזן זיך אַראָפּ, ווי נעבכט, ווי שוואַרצע, דיינע
ברעמען.

ס׳פּאַלט אום מיין יעדער טאָג, גלייך ווי אַן
אונטערגעהאַקטע ליפּע,
עס וועלן שוין קיין נייע ניט וואַקסן ביי מיר ווידער;
איז שרעקט זיך עס, מיין וואָרט, אַראָפּגיין פון די
ליפּן,
און ס׳שרעקט מיין מויל זיך אָנרופן דיך: "ברודער".

איך האָב נאָך בלוט! איך האָב נאָך ציין! און שטערבלעך איז מיין ביס,
פון שריפות און פון שניט איז מיר נאָך אַלץ געבליבן!
נאָר כ׳וואַלגער, ווי אַ הונט, זיך נידעריק ביי דיינע פיס
און בעטל, וואָיענדיק: - דערלויב מיר דיך צו ליבן...

עס טרעפט דער ווינט מיר אויף דער האַנט: - ס׳איז דיר באַשערט,
ס׳איז דיר באַשערט אַ ווייטער וועג, אַן אומעטיקע רייזע...
נאָר פאַלן פאַל איך מיטן פנים צו דיין ערד
און וואָיע בעטלענדיק: דערלויב מיר דיר געטריי זיין...

איך הער אַן אימה לויערן - איך הער, איך הער...
פון ערגעץ ווייט, פון ערגעץ נאָענט, - מיט רעש און מיט געשענקען;
- צי ס׳פּאָבעט דאָרטן גאָנטעס קלינגענדיקע שווערד?
- צי ס׳קלינגען דאָרטן מעסערדיקע לידער פון טאַראַס שעווטשענקאָ?

די אימה צערטלט מיך מיט פלאַטערדיקע הענט פון פאָנען
און אָרעמט מיך מיט שרעק און שיכורט מיך מיט צער;
ס׳איז ווייסע נאַכט. אויף שפּיצן וועלדער שלייפט זיך די לבנה,
און אויפן שוואַרצן שליאַך קומט אָן פון ערגעץ אַ קאָזאַר.

עס גיסט זיין ליד זיך שימלדיק און גרין,
זיין יעדער וואָרט - פֿאַרזשאַווערטע און טעמפּע האַק איז:
- קאַבזאַר, קאַבזאַר! צי רופסטו ניט צונויף אַ יום־טוב אין טשיגרין?
- צי וועקסטו ניט אַצינד פון שלאָף די הייראַמאַקעס?

...קומען וועט אויף מיר דיין אויג - דיין פאַרצעלייענס,
דיין טעמפּער בליק, ווי דער פאַרמעסט פון לאַמען;
- ווער ווייסט, ווער ווייסט, צי ס'איז מיין לעבן - מיינס,
צי כ'טראָג עס נאָר געבאָרגט פאַר אויסקויף אויף מיין נאָמען?

איז הוליען גלוסט זיך מיר! דאָס בלוט צעצאַפּן אויפן גאַס
און טאַנצן אין דער נעץ, ווי נ'זוניק־אויסגעקילטע גאָלדן;
און אויסטאַנצן אַזוי דעם אייביקן, דעם בלוטיקן צו גאַסט
און אויסברעכן אַזוי דאָס קול אין איינעם מיטן גאָרגל!

איך האָב נאָך בלוט! און כ'בין עס עמעצן נאָך שולדיק!
מע מאָנט עס שוין! מע מאָנט! איך ווייס ניט: - פריער - וועמען?
ס'גייט אויף דער מולד, ווי אַ האַק פון אונטער דיינע שולטער,
ס'פאַרדעקן זיך מיט הענט מיט שוואַרצע דיינע ברעמען!...

## ווידערשפעניקונג

ניין, ניין - ס'איז ניט געווען פון גורל קיין באַצוואונג,
אַן אויסוואַל ס'איז געווען דורכוים אַ פרייער,
דאָס, וואָס צו פייער צוגערירט האָט זיך צוערשט דיין צונג,
צו גאָלד - נאַכהער, נאָך אין דעם חושך פון מצרים!

צו פייער האָט געפירט דיין אומרויק געמיט
ביים טראָגן שטיין און זאַמד פאַר פּיראַמידן,
אַז זאָלסט, אין קייטן זייענדיק געשמידט,
אַ שווערד אויף ווידערשפעניקן זיך קענען שמידן -

און ביסט דערפאַר געבענטשט געווען מיט דעם,
וואָס דאָס געשליפן שטיינדל פון דיין פאַסטעך
האָט, אונטערשניידנדיק דעם גליתדיקן דעמב,
אין דעם באַגינען זינגעווודיק אַריינגעפּאַסט זיך.

דוד בערגעלסאָן

# צוויי רוצחים



אַף קאָטבוסער־דאַם, באַ דער פרוי הילדע גינטער אין קיך, ליגט אַף אַ קליינעם געשטריקטן טעפּעכל דער האָריקער טעל - אַ גרויסער וואָלפישער הונט מיט אַ שאַרפן פּאַרשפּיצטן פּיסק און האַלט דעם קאָפּ פעסט אַף די פאָדערשטע אויסגעצויגענע לאַפּעס. טעל מאַכט זיך, ווי ער דרימלט. אין דער אמתן איז ער וואַך. זיינע קליינע, כמעט מענטשלעכע אויגן שליסן זיך מיט באַרויגעזער פוילער פאַרגלאָצטקייט אַלעמאָל ווען עמעצער וויל אין זיי אַריינקוקן.

און אַף אַריינצוקוקן אין טעלס אויגן זיינען געוועזן בעלנים אַ סך, אַ סך - טעל איז דער סאַמע באַרימטער צווישן אַלע זעקס הונדערט טויזנט הינט, וואָס די שטאָט בערלין פאַרמאָגט; וועגן אים האָט מען איין מאָל געשריבן אין די צייטונגען און פאַנאַנדערגעשיקט דעפּעשן אין אַלע לענדער; וועגן אים האָט געזאָלט פאָרקומען אַ געריכט מיט אַן אויספּאָרשער, מיט אַ באַשולדיקער און מיט אַ פאַרטיידיקער. אויב דאָס געריכט איז ניט פאָרגעקומען, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס דער מערדער און רוצח טעל איז סוף כל סוף ניט מער ווי אַ הונט - פון זיין. רציחה האָט ער נאָר באַקומען אַ נאָמען, אַף דער גאַנצער וועלט, און מער גאָר.

די פרוי הילדע גינטער צו וועמען טעל קער, איז אַ קריגס אלמנה, איר מאַן, דער פאָטאָגראַף הערבערט גינטער, איז אומגעקומען. אין וועלטקריג קאָן מען זאָגן העלדיש, ווי אַ בין באַם מאַכן האָניק. די פרוי הילדע גינטער איז אַ מיטלוווקסיקע, פעט געוואָרענע דייטשקע מיט פאַרשוווּמענע שוואַרצע אייגעלעך, מיט אַ בכבודיקן בוזעם און מיט אַ סך גוידערס אונטערן מויל. זי איז אַ גוטמוטיקע, ווי אַ זאַטע גבירישע קעכן איז גוטמוטיק אין דער צייט, ווען אירע באַלעבאַטים זיינען אַף לאַנג אָוועקגעפאָרן און האָבן איר קיין אַרבעט ניט געלאָזט. זי זאָגט "יוט" אָנשטאָט "גוט", און נאָך יעדע פאָר ווערטער, וואָס זי רעדט אויס גיט זי צו מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך באמת געוואָלט מיט אייך אַן עצה האַלטן:

- ניכט?

- ניכט וואָר?

זי לעבט פון דער פּענסיע, וואָס זי באַקומט ווי אַ פרוי פון אַן אומגעקומענעם לייטענאַנט, און אויסער דעם פאַרדינגט זי דאָס גרעסטע און טונקלסטע פון אירע דריי צימערן; קיין קינדער האָט זי ניט.

איצט וווינט באַ איר אין צימער דער אוקראַינישער עמיגראַנט אַנטאָן זאַרעמבאָ - אַ געוועזענער וואָלאָסט־שרייבער, אַן אַנטלאָפענער אַטאַמאַן פון אַ קליינער באַנדע, וואָס האָט באַראַבעוועט און געקוילעט יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע. זאַרעמבאָ איז תמיד אויסגעפּוצט אין פאַרביקע אויסגענייטע קליידער, ווייל ער געהערט צו אַ קאָמפּאַניע וויסגוואַרדייאישע באַלאַלייקע־שפּילער, וואָס שפּילן אַ גאַנצע נאַכט שיכורערהייט ערגעץ אין אַ באַנאַכטיקן רעסטאָראַן־קאַבאַרעט. זיין געשטופּלט פּנים איז פול מיט דרעמל, ווייל ער איז די פריערדיקע נאַכט ניט געשלאָפן. און ווייל אויך אין דער

היינטיקער נאַכט שטייט אים פֿאַר צו זיין וואַך און מיט זיין שיכורן הוליען אָנשטעקן אין רעסטאָראַן די געסט. אין בערלין געפֿינט ער זיך שוין אַ יאָר פֿינף און זיך אויסגעלערנט קוים־קוים צו פֿאַרשטיין און צו בעלעמעטשען אַ ביסל דייטש. באַ דער פֿרוי גינטער וווינט ער ערשט דעם דריטן טאָג. איצט זיצט ער אַ שפּעט־אופֿגעשטאַנענער באַ דער דייטשקע אין קיך, און די דייטשקע טוט מיט אים דאָס, וואָס זי טוט אין דער ערשטער צייט מיט אַלע אירע נייע קוואַרטיראַנטן, - זי פֿאָיעט אים דערווייל נאָך מיט אמתער קאַווע און דערציילט אים די געשיכטע פֿון איר וועלטבאַרימטן, קלוגן און פֿאַרבּרעכערישן הונט:

– אַ הונט, - זאָגט פֿרוי גינטער, - איז ווי אַ מענטש, ניכט? דאָס וויסן אַלע, גיכט וואַר? נאָר אַז אַ הונט זאָל זיין אייפֿערזיכטיק, ווי אַ פֿאַרשטענדיקער מענטש, זאָגן מיר, ווי אַ מאַן און נאָך מער ווי אַ מאַן - וועגן דעם האָט זיך קיינעם אַפֿילע קיין מאָל ניט געחלומט, ניכט וואַר?

זי קוקט אַף טעלן מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן דעם הונט זאָגן: "ביסטו אַ ממזר!" און פֿאַרשנורעוועט דעם פֿעטן פּיסק, ווי אַף אַ קוש צו טאָן:

– און אייפֿערזיכטיק איז טעל בלויז צו מיר, נאָר צו מיר און ווייטער צו קיינעם ניט.

זי שטרעקט אויס זאַרעמבאָן אַ קורצע רויטע האַנט מיט אַ ווייך פֿאַרשוומען פֿויסטל, ווי באַ אַ קצבטע, און זאָגט צו אים אַוועקוקנדיק כלומערשט אָן אַ זייט:

– אַנו, פּרווּט, ווילט מיך אָנרירן באַ דער האַנט...

דער געשטופּלטער זאַרעמבאָ טוט עס זייער פֿאַמעלעך, זייער פֿויל, נאָר מיט פֿאַרגעניגן. אים געפֿעלט די ווייכע זעקספֿודיקע און גוטמוטיקע באַלעבאָסטע. איר טשיקאַווער אַרט גראַגערן אַף דייטש דערמאָנט אים אָן דעם היימישן אַרט גראַגערן פֿון די יידישע ווייבער אין יענע קליינע אוקראַינישע שטעטלעך, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט זיין באַנדע געראַבעוועט און געקוילעט; עס רופֿט אַרויס אין אים אַ בענקשאַפֿט צו זיין אייגן דאָרף.

נאָר איידער ער באַוויזט נאָך ווי געהעריק אָנעמען פֿרוי גינטער פֿאַר דער האַנט, מאַכט טעל אוף די דרעמלענדיקע אויגן. די ווייכע ליפּן, וואָס אַרום זיין שאַרפֿן פּיסק, באַווייזט זייער אינווייניקסטע בלוטיקע און פֿייכטע רויטקייט, און טיף פֿון זיין גאָרגל און פֿון זיינע געדערים דערהערט זיך אַזאַ ברייזער כאָרכל, ווי אַ גאַנצער מינין מענטשן וואָלטן מיט אַמאָל געצומען שווענקען די העלדזער:

–כעררררר... כעררר, - ברייזערט ער זיך, ניט אופֿהייבנדיק דעם קאָפּ פֿון זיינע פֿאָדערשטע אויסגעצויגענע לאַפּעס, און קוקט מיט פֿאַרגלאָצטע רציחהדיקע אויגן אַף זאַרעמבאָן, - כערררר...

– איר זעט? - זאָגט די גראַבע דייטשקע, - איר זעט, צי ניין?...

און אין דעם וויאַזוי אירע שוואַרצע, פֿאַרשווומענע אייגעלעך שמייכלען, איז צו זען, אַז זי איז שטאַרק צופֿרידן, וואָס דער הונט איז אין איר פֿאַרליבט און איז צו איר אַזוי שטאַרק אייפֿערזיכטיק.

– ער וועט צו מיר ניט צולאָזן - זאָגט זי, - אין קיין פֿאַל.

זאַרעמבאָן איז אַ שאָד, וואָס דער הונט שטערט אים די געלעגנהייט צו ווערן מיט דער באַלעבאָסטע היימיש. ער מוז זיך אָפּזאָגן פֿון אָנעמען זי באַ דער האַנט. פֿון זיין אַלטער, יאָרנלאַנגער פּראַקטיק געדענקט ער, אַז אַלע גוטע זאַכן הייבן זיך אָן פֿון "אָנעמען באַ דער האַנט".

דער גרויסער און האַריקער וואָלפישער הונט וואַרפט אָן אַף אים אַ שרעק. דערצו נאָך האָט באַ זיך פרוי גינטער אַ גאַנצן פּאַק מיט צייטונג־אויסשניטן - גאַנצע פּעק מיט באַווייזן, אַז די שרעקלעכע זאַך, וואָס זי דערציילט וועגן איר פאַרברעכערישן הונט, איז אַן אמת; קורץ: פון אייפּערזיכטיקייט צו דער פרוי גינטער האָט טעל איבערגעביסן דעם האַלדז פון אַן אַכט חדשימדיק קינד.

דער פרוי גינטער האָט שוין איין מאָל אַפילע שיר ניט געהאַט דערעסן צו דערציילן דאָס יעדערן באַזונדער. צו איר פלעגן דאַן פון פרימאָרגן ביז נאַכט לויפן צייטונגס־לייט, און פאַר יעדן פון זיי פלעגט זי מוזן אויסלייגן די מעשה פונעם אָנהייב ביזן סוף. אַלע פלעגן שלינגען אירע ווערטער און זיי פאַרשרייבן אין גרויס כאַפּעניש.

נאָר פון דאַן אָן זיינען שוין אַריבער פיל טעג. אָן טעלן, וועלכן מע האָט דענסטמאָל געמאָלט און פאָטאָגראַפירט אין פאַרשיידענע פּאָזעס, האָבן אומדאַנקבאַרע מענטשן פאַרגעסן, ווי זיי פאַרגעסן בכלל אָן אַלערליי ענלעכע גרויסע זעלטנהייטן.

טעל, זעט אויס איז אַף אָט די מענטשן באַליידיקט, פרוי גינטער - אויך, און מיט אַ באַזונדערער הנאה דערציילט זי איצט באַניס די געשיכטע איר ניים קוואַרטיראַנט. ווער איז טעל געווען, בשעת ער איז אַריינגעפאַלן צו איר אין די הענט? - אַ גאָרנישט איז ער געווען; אַ באַשעפעניש, וואָס איז קוים אַלט אַ יאָר און צייכנט זיך אויס בלויז מיט דעם, וואָס ער איז אַ קלוג נייגעריק הינטל - אַ קאָמיקער. ער האָט ליב געהאַט אומעטום אַריינצושטעקן זיין נאָז, זיך שאַרן אַרום איר, דער פרוי גינטער, און אָן אופהער לעקן, לעקן אירע הענט.

געקויפט האָט זי אים אין יענער צייט, ווען איר מאַן איז געפאַלן אין קריג און זי איז געבליבן איינע אַליין. אַלעמאָל, ווען זי פלעגט טעלן איבערלאָזן אַליין אין דער געשלאָסענער ווינונג און נאָכדעם זיך אומקערן, פלעגט ער זיך וואַרפן אַף איר מיט גרויס פרייד, און דאָס קאָן בלויז פאַרשאַפן פיל שפּאַס ניכט וואַר?...

אָט אַזוי איז טעל באַ איר אין ווינונג אָפּגעוועזן גאַנצע דריי יאָר. נאָר איין מאָל אין אַ זונטיק איז פרוי גינטער געגאַנגען מיט אירע שכנים אָנקוקן אַ יתומים־הויז און האָט דאָרט דערזען אייניקע נייגעבוירענע קינדער, וואָס האָבן אויך פאַרשאַפט פיל שפּאַס, גיכט וואַר?... איבערהויפּט איז איר דאָרט געפעלן איינס אַ קליינינקס פון אַ חדשים זיבן. דאָס קליינע האָט, ליגנדיק אין די קישעלעך געסליונעט, געשטופּט אַ פויסטל אין מיילכל און האָט גערעדט אַזוי פריילעך אַז די שכנות האָבן זי אָנגעהויבן זייער שטאַרק צוצורעדן זי זאָל עס נעמען אַף אופּציען צו זיך אַהיים. זי האָט דעמלט אַפילע צו אירע שכנות געזאָגט, אַז זי האָט שוין טעלן, נאָר די שכנות האָבן זי דאָך צוגערעדט צום קליינעם, ווייל עס איז זייער "קנאַרקע" (טשיקאַווע) ניכט וואַר?... אויסער דעם האָט זי זיך דערוווסט, אַז אויב מע נעמט פון יתומים הויז אַ קליין קינד צו זיך אַהיים, באַקומט מען נאָך דערפאַר צוגעצאָלט פאַר אַלע אויסגאַבן. זי האָט דעריבער דאָס קינד צו זיך גענומען. זי האָט עס געבראַכט צו זיך אַהיים אין די קישעלעך און האָט עס באַוויזן טעלן. פון אָנהייב האָט עס טעל מער אָדער ווייניקער רויק אַרומגעשמעקט, נאָר נאָכדעם, אַז ער האָט צווישן די פאַנאַנדערגעוויקלטע קישעלעך דערזען אַ לעבעדיק קינדעלע, האָט ער אָנגעהויבן דערוף זייער שטאַרק צו בילן, בילן און שפּרינגען, אַזוי אַז זי האָט געמוזט אַף טעלן זיך אָנבייזערן, טופּען אַף אים מיט די פיס און שרייען:

- פוי!... פוי!...

נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. טעל האָט זיך באַרויקט, ווען זי האָט דאָס קינד

אַוועקגעלייגט, און איז איבעראַנייס געשפּרונגען און געמאַכט גרויסע גוואַלדן אַלעמאָל, ווען זי האָט דאָס קינד צוריקגענומען אַף אירע הענט.

אָט אַזוי איז אַוועק אַ וואָך און מער – אַ וואָך פון גרויסע גוואַלדן, אַזוי אַז די שכנים פון די נאָענטע וווינונגען האָבן זיך אָנגעהויבן קלאָגן אַף איר אין פּאָליציי. דענסטמאָל איז איר, פרוי גינטער, געבליבן ניט מער, ווי קויפן צו טעלן אַ רעכטע לעדערן־געפלאָכטענע בייטש, ווייל אין יתומים הויז האָט זי זיך פאַנאַנדערגעשריבן, אַז פריער, איידער דאָס קינד וועט אַלט ווערן צוויי יאָר, וועט זי עס ניט אָפּבערענגען, און אַז מע שרייבט זיך פאַנאַנדער, דאַרף מען אויספילן, ניכט? ניכט וואַר?... מיט דער בייטש האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן טעלן יעדעס מאָל, וואָס ער הייבט אוף אַ גוואַלד, פאַרוואָס זי נעמט דאָס קינד אַף די הענט. פון אָנהייב האָט זי אים געשלאָגן זייער לייכט, נאָר וואָס מער טעל האָט געבילט, אַלץ מער איז אין איר געוואַקסן די איינגעשפּאַרטקייט אים אויסצולערנען, אַז אים זאָל ניט אַרן, וואָס זי האַלט דאָס קינד אַף די הענט. זי האָט אים וואָס אַ מאָל אַלץ שטאַרקער מיט דער בייטש געשלאָגן, ביז זי האָט אים אויסגעלערנט; בעת זי נעמט דאָס קינד אַף די הענט, זאָל ער וויסן, אַז ער דאַרף אַוועקגיין אין קיך און זיך דאָרט אַוועקלייגן אונטערן טיש אָפּן טעפּעכל. די ערשטע צייט האָט ער, ליגנדיק דאָרט אָפּן טעפּעכל, איר נאָך אַלץ נאָכגעקוקט מיט די אויגן און אַלע מאָל, ווען זי האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט, האָט ער דאָרט געמאַכט כעררררר. כעררר! ווי ער האָט עס געמאַכט איצט ווען ער – זאַרעמבאָ – האָט זי געוואָלט אָנעמען פאַר דער האַנט. נאָר ביסלעכווייז האָט ער אויך דאָס אויפגעהערט צו מאַכן. ער איז געוואָרן אַ נאָכלעסיקער, שטילער הונט. ער איז שטענדיק געלעגן אין קיך אונטערן טיש מיט אַן אַוועקגעלייגטן קאָפּ אַף די אויסגעצויגענע פאָדערשטע לאַפּעס און מיט צוגעשלאָסענע דרעמלענדיקע אויגן, אַזוי אַז אַלע שכנות האָבן דאָס באַמערקט. אַלע שכנות האָבן אַף אים געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ פוילער. "פוי, טעל – פלעגן זיי צו אים זאָגן, – פאַול־פעלץ". טעל פלעגט זיך צו זיי ניט אומקוקן. נאָר אַמאָל פלעגט זי, די פרוי גינטער, אין דעם שאָקלען פון זיין לאַנגן עק באַמערקן, אַז ער בענקט... ער בענקט זייער שטאַרק... זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין מיט אים פאַרטיק. נאָר איין מאָל, אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן...

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן איז דאָס קינד געלעגן אָפּן בעט אין די קישעלעך און געשפּילט מיט זיין איינענעם פויסטל, געשטופּט דאָס פויסטל צו זיך אין סליונעוודיקן מיילכל. זי, די פרוי גינטער, האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פעלן איר נאָך אייניקע זאַכן צום מיטיק און אַז עס איז שוין באַלד צען אַזייגער, באַלד וועט מען די שפּייז־קראָמען שליסן. זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון שלאָפצימער, ווו דאָס קינד איז געלעגן, און אַליין איז זי געשווינד אַראָפּגעלאָפן אין קרעמל.

איז אָט...דענסטמאָל איז עס געשען... מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווען זי האָט זיך אומגעקערט, איז שוין געווען נאָך אַלעמען: טעל איז געלעגן, ווי תמיד אָפּן טעפּעכל, וואָס אונטערן קיך־טיש, נאָר די טיר אין שלאָפצימער איז געווען אָפן, און אָפּן דיל איז געלעגן דאָס קינד טויט, פאַרבלוטיקט, מיט אַן איבערגעביסן העלדזל... זי האָט אופגעהויבן אַ גוואַלד. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים. פּאָליציי איז , פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. מע האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. דער אויספאָרשונגס־ריכטער איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. טעלן האָט מען אַף אַ פּאָר טעג צוגענומען אין פּאָליציי, נאָר נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעבראַכט צוריק – דער וועטערינאַר האָט אויסגעפונען, אַז טעל איז אַ געזונטער

הונט - ער איז ניט משוגע.

די פרוי גינטער דערציילט, ווי זי האָט געוואַרט, עס זאָל זיין אַ געריכט; זי וואַרט נאָך איצט אויך - זי קלאָגט זיך:

- קיין געריכט איז ניט געווען...

אַנטאָן זאַרעמבאָס געשטופּלט פּנים איז פול מיט אומעט און מיט בענקשאַפט - אומעט פון די פיל פאַרגאַנגענע שיכורע נעכט, אומעט פון די שיכורע נעכט, וואָס שטייען אים פאַר. זיינע אויגן האָבן אַרום זיך געשוואָלענע זעקעלעך און קוקן אַף טעלן. די געשיכטע מיטן פאַרבלוטיקטן קינד, וואָס איז דאָ אין צימער געלעגן אַף דער פּאָדלאָגע מיט אַן איבערגעביסן העלדזל, דערמאָנט אים אין פיל ענלעכע געשיכטעם אין יענע יידישע שטעטלעך אַף אוקראַינע, ווו ער מיט זיין באַנדע האָט געקוילעט און געראַבעוועט. בלוט... בלוט אין אַלע יידישע הייזער געדענקט זיך אים, בלוט אַף דער גאַס, ווו צווישן צעבראָכן גלאָז און צווישן אַלערליי אַנדערע שמאַטעס און יידישע בעבעכעס וואַלגערן זיך פאַרבלוטיקטע קערפּערס מיט עפּעס אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ - אַ קאָפּ מיט אַ גראָלער־שוואַרצער באָרד, און אַליין איז מען אַלע צוזאַמען שיכור אָדער ניכטער - ער מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע, און סיי ווען מע איז ניכטער סיי ווען מע איז שיכור הערט מען ניט אוף צו זינגען דאָס דעמלטיקע ניי־מאָדנע לידל:

"עפּעלע, עפּעלע!
ווהין דו קול־ליעסט־זיך..."

פון גרויס אומעט און בענקשאַפט פאַרגלוסט זיך אים דערציילן דער באַריידעוודיקער באַלעבאָסטע, וויאַזוי איז די געשיכטע געווען:

- ניכט? - פרעגט ער באַ איר אַלעמאָל איבער, צופּאַסנדיק זיך צו איר אַרט רעדן, - ניכט וואַר?

די גוטמוטיקע און פלייסיקע דייטשקע פאַרשטייט זייער שלעכט זיין צעבראָכענעם דייטש. איר זיינען אַ סך זאַכן ניט פאַרשטענדלעך, איבערהויפּט איז איר ניט פאַרשטענדלעך, ווער איז שולדיק און פאַרוואָס האָט מען פאַרגאָסן בלוט. קלאָר איז פאַר איר בלויז איין זאַך: אויך אַרום אָט דעם קוואַרטיראַנט אירן האָבן זיך אַף דער פּאַרלאָגע געוואַלגערט פאַרבלוטיקטע קינדער - אַ סך, אַ סך פאַרבלוטיקטע קינדער מיט איבערגעביסענע העלדזלעך.

- נו און אַ געריכט - פרעגט זי מיט גרויס אינטערעס באַ זאַרעמבאָן, - אַ געריכט איז געווען?

זאַרעמבאָ שווייגט.

פרוי גינטער קוקט זיך איין אין זיין געשטופּלטן פּנים, פאַרטראַכט זיך און איר איז דאָ באַניס עפּעס זייער ניט קלאָר - זי כאַפּט זיך ערגעץ אַוועקגיין.

איצט בלייבן זיי ביידע אַליין אין קיך - זאַרעמבאָ און טעל. איינער זיצט אַף אַ שטול לעבן טיש, דער צווייטער ליגט אַפן קורצן טעפּעכל און האַלט דעם קאָפּ אַף די אויסגעצויגענע פאָרדערשטע לאַפּעס, אַרום איז שטיל. ביידע קוקן זיך אין די אויגן מיט גרויס אומעט, מיט בענקשאַפט.

❧

דוד האָפּשטיין

# נעמען



ווי קליינע וועלפּעלעך זיך שפּילן מיינע קינדער,
ווי קליינע וועלפּעלעך נאָך ביידע:
דער עלטסטער שמאי הייסט -
אַזוי געהייסן האָט מיין זיידע,
אין טויבן שטעטעלע אַ זקן האַלב אַ בלינדער,
און הלל הייסט דער צווייטער...
אַן אַנדער נאָמען האָט געוואָרט
אויף שטאָפּל נאָענטן פון שאָטנדיקן לייטער,
נאָר איך פון מיט פון וועלט פון ברייטער,
פון זודיקן געווימל
האָב פלוצעם דאָרט דערזען,
ווי ס׳שוועבט דער הויך פון צאַרטע יאָרן מיינע
דאָרט איבער אַלטן נעסטן־שימל -
און שמאי איינער הייסט,
און הלל הייסט דער צווייטער...

ווי קליינע וועלפּעלעך זיך שפּילן מיינע קינדער
ווי קליינע וועלפּעלעך נאָך ביידע
און דראַפּען איינס דאָס צווייטע
פון בייזן קוק מיט פייערלעך מיט ווילדע.
און איך - איך קוק מיט בליקן איינגעשטילטע
פון האַרץ פון בלינדן.
ווי אַלטע נעמען קייקלען זיך,
ווי קליינע וועלפּעלעך, ווי קנוילן יונגע גליקן...

# פרעגסט מיך, שטילער ברודער

פרעגסט מיך, שטילער ברודער,
ווער וועט צאָלן
פאַר די טאָלן ביינער,
פאַר די טייכן בלוט?

הער זשע, ברודער!

אייביק, אייביק
שטרייטן וואָרצלען
אונטער דר׳ערד,
אייביק, אייביק
פּאָכן מענטשן
מיט דער שווערד...

אייביק, אייביק!
נאָר ס׳האָט קיין מאָל
אַזוי גלייביק
ניט געהויבן זיך קיין האַנט!
ס׳האָט נאָך קיין מאָל
אַזוי זיכער
ניט געטראָגן זיך קיין וויכער
איבער מענטשנראַנד!..

## שמואל האַלקין



### דיכטער

מע זאָגט, ס׳איז בלינד געווען אַ מאָל האָמער,
נאָר ס׳איז מיט אים געשען אַ גרויסער ווונדער:
וואָס נעענטער צו אונדז מיט אַ יאָרהונדערט -
ער ווערט אַלץ זעעוודיקער מער און מער.

נאָר זעלטן טרעפן ווונדער אויף דער ערד...
און אויב אַ נס אַזאַ מין זיינען מיר ניט ווערט,
איז זאָל מען כאָטש אַ מאָל ניט איבערגעבן,
אַז מיר זיינען געווען בלינד ביים לעבן.

### אין דער דאָזיקער נאַכט

דו מיינסט, איך געדענק, וואָס איז דעמאָלט געווען?
מיר דאַכט, אַז ס׳איז דעמאָלט קיין טאָג ניט געווען.
אַזוי זיך - אַ פאַסיקל טונקעלע שיין
מיט ברעג מיטן שוואַרצן אין האַרצן אַריין.

די טעג - ניט קיין טעג, און די נעכט - ניט קיין נעכט.
אין חושך פון הימל אַ פייער־געפלעכט,
אַן אויסגוס פון ליכטיקע וועגן פון לאַנגע,
וואָס טיף ביזן האַרץ פון דער וועלט זיי דערלאַנגען.

דו מיינסט, איך געדענק, וואָס איז דעמאָלט געווען?
מיר דאַכט, אַז ס׳איז דעמאָלט קיין וועלט ניט געווען.
אַזוי זיך - אַן אויסטויש פון שוואַרץ און פון רויט.
אַזוי זיך - אַן אומבייט פון לעבן און טויט.

נאָר איינס מיר געדענקט זיך פון דעמאָל ביז איצט,
נאָר איינס האָט אין מוח פאַרקאַרבט זיך, פאַרקריצט:
אַ זילבערנער פויגל פליט דורך און פאַרשווינדט -
אין חרובע גאַסן - דאָס קול פון אַ קינד,
און שטאָקן, וואָס האָבן געפלאַצט און געקראַכט,
מיין מענטשלעך געוויין אין דער דאָזיקער נאַכט.

### דעם ניי־געבוירענעם

דאָס נייגעבאָרן קינד - עס זאָל געבענטשט זיין:
ס׳זאָל מיט דער מוטערס מילך אין אים אַריין
דער דאָרשט צו טראָגן ליכט פאַר גאָר דער מענטשהייט,
די שיין זאָל אָבער פאַר זיין פאָלק אויך זיין;
ווען ער וועט אויפדעקן דער וועלט אַ נייעם שטערן -
זאָל פאַר זיין פאָלק כאָטש פינצטערער ניט ווערן.

לייב קוויטקאָ

# טאָג און נאַכט



טאָג און נאַכט -
דערפֿרווירענע וואַרטן מיר אין בייזן טאָג
אויף נאַכט לבנהשער,
אויף לבנה צערטלעכער.

אָנגעשראָקן וואַרטן מיר אין בייזער נאַכט -
אויף טאָג דעם זוניקן,
אויף זון דערבאַרעמדיקער.

טאָג און נאַכט -
גרויס זיינען מיר זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפֿן זיך מיט אונדז.

ווּהין זשע זאָלן מיר זיך הינטאָן,
קליינע?
ווּהין אונדזער גרויסן ווייטאָג הינטאָן,
ווייטאָג?
ליבע?
סודות?
טאָג און נאַכט -
גרויס זיינען מיר זיי אין די אויגן,
זיי וואַרפֿן זיך מיט אונדז.

* *
*

...אַן אומגליקלעך פֿאַרבליבענער
וועט איבערציילן די הרוגים.
ער וועט מיין טויטן נאָמען
גלייך מיט אַלעמענס פֿאַרשרייבן מיט קליינע אותיותלעך
אין לאַנגן צעטל.
אוי, זאָל ער כאָטש ניט פֿאַרגעסן דאָרט
פֿאַרצייכענען אין לאַנגן צעטל
וויפֿל איך בין אַלט געווען!
זאָל ער כאָטש דערמאָנען דאָרט,
אַז בלוטיק יונג מיין האַרץ געווען,
אַז שטאַרק, ווי שרעק געווען מיין ווילן לעבן.
שטאַרק און משוגע,
ווי מיין לעצטער טאָג.

איציק פעפער

# אין די העלע ווינקלען



אין די העלע ווינקלען פון מיין זומער
וואַרעמט זיך אַ שטילער גרויער האַרבסטן־דרעמל.
ליגט אַ פּייכטע זון נאָך
ווייט אויף טראָטואַרן.
כ׳וועל מיין פענצטער שליסן,
און די טיר פאַרשפּאַרן.
דרויסן שמעקט מיט היי שוין און מיט גרויע טעג,
און דער קרומער זומער הינקט אַוועק פאַמעלעך
הינקט אַוועק פאַמעלעך
אין זיין זומערוועג.

ערגעץ פוילן פעלדער נאַקעט און פאַרטרויערט,
און דער הימל שפּרייט זיך אויף די דעכער געל.
דעכער. ביימער. וועגן.
זון און שטויב און רעגן.
בלעטער פליען ערגעץ אין אַ גאָלדנשרעק,
און דער קרומער זומער הינקט אַוועק פאַמעלעך.
הינקט אַוועק פאַמעלעך
אין זיין זומערוועג.

* * *

צו רויק איז מיין גאַנג,
צו קאַלט זיינען די אויגן...
ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זיין
דעם שטריק, וואָס האָט מיין ברודערס האַלדז פאַרצויגן,
ווער האָט דערלויבט מיר מוחל זיין
דער האַנט, וואָס האָט דעם שטריק געהאַלטן,
דעם אויג, דעם אויסגעלאָשענעם און קאַלטן,
וואָס האָט זיך ניט פאַרמאַכט
ניט טאָג, ניט נאַכט
און האָט געקוקט אַ רויקס אויף דער האַנט,
וואָס האָט דעם שטריק פאַרצויגן.
געבענטשט זאָל זיין די שיין,
וואָס בריט מיר מיינע אויגן
און רודערט אויף מיין זיין...

## משה קולבאַק



* * *

וועלט!
אין טויזנט פנימער פאַרשטעלט,
איך גיי צו דיר אויף טויזנט וועגן -
ווהין? איך ווייס ניט ווו...
איך וויל אין גאַנצן דיך פאַר מיינעט וועגן,
איך בין דו!
דער פרישער רוף
פון דיינע זאַפטיק-רויע פליינען
רינט טיף אין מיין געמיט;
איך וויל אַרומנעמען דיין מעכטיק-ווילדן גוף
פון פלאַנצן
און געשטיינען,
און פאַלנדיק צעקושן דיינע טריט,
און האָבן דיך אין גאַנצן.

וועלט!
איך גיי אַ שיכורער דיין גוטס אַנטקעגן,
פון אַלץ זיך אויסגעטאָן,
און הפקרדיק;
מיט זיך,
צעשטראַלט,
צעהעלט,-
איך גיי אויף דיינע טויזנט וועגן, -
דו ביסט איך!

דער שיין פון צייטן
אין קערפערס שווערע אַ פאַרפרעסטער,
ווי אַלטער ווייַן אין ליימענעס געשיר,
פלייצט קלינגעוודיק פון טיפן און פון ווייטן. -
אַ לויטער ברויזנדער אָרקעסטער,
האָט אויסגעקוועלט,
און ברויזט אין מיר.

וועלט!
איך וויל צעגאַנגען זיין אין טיפן ניגון,
פון הויט און ביינער
אויסגעטאָן,
זיך ציטערדיק צעוויגן -
אַ לויכטנדיקער טאָן,
כאָטש כ׳מעג אַ שטיין פון דיינע שטיינער
אויף אַ בית-עולם ליגן...

דער נסתר

# מוסר



אויפֿן שרייבטיש שטייט אַ פּאָרצעלייען הינטל, אַ פֿאַרזאָרגטס און אַ פֿאַראומערטס: די ציין טוען דעם ווײ און די באַקן זיינען ביי דעם, ווי ביי אַ מענטשן, צום קאָפּ אַרויף מיט אַ טיכעלע פֿאַרבונדן; אין איינעם אַ מוילווינקל שטעקט ביי דעם אַ ליולקע אויף רייכערן...

אָט צו דעם הינטל קערעוועט זיך דער שריפֿטשטעלער, אַ געוויסער היינטיקער, ער קוקט אויף דעם און פֿרעגט ביי דעם:

– וואָס אַזוי פֿאַרזאָרגט?

– זעסט דאָך – ענטפֿערט דאָס הינטל – די ציין טוען וויי.

– איז וואָס? – פֿרעגט דער שריפֿטשטעלער.

– האָסטו אַ מאָל געהאַט ציינווייטאָג? – פֿרעגט צוריק דאָס הינטל.

– יאָ.

– האָסט זיך דעמאָלט אין שפּיגל געזען?

– געזען.

– און ווי אויסגעזען?

– ווי דו אַצינד.

– איז וואָס זשע פֿרעגסטו?

– גלאַט אַזוי. ס'איז מיר אַ טעמע אויסגעפֿאַלן.

– מיינסטו ביי אַ הונט זי געפֿינען?

– יאָ, כ'מיין.

– איז גוט, אָבער ערב פֿאַר איר בין איך ניט. זי וועט פֿול ציינווייטאָג זיין...

– מאַכט ניט.

– הייסט עס, געבן?

– גיב.

– קוק איך אויף דיר די גאַנצע צייט, זאָגט דאָס הינטל, און זע דיך ביי דיין אַרבעט. איך מוז דעם אמת זאָגן; ס'איז מיר אַ צער אַ מאָל אויף דיר צו קוקן – אויף דיר און אויף אַלע די, וואָס קומען אַריין צו דיר. איך הער אַ מאָל די שמועסן אייערע: חוזק! איר ווילט קענען אייער אייגענעם גורל גיין, איר ווילט זיך די אייך געגעבענע געזעצן ניט אונטערגעבן, איר ווילט איבער זיך אַליין איבערשפּרינגען... "נאַראָנים!" – טראַכט איך זיך: די גרעסטע דערגרייכונג איז דאָך אין דער גרויסער הכנעה, בעתן גרויסן אונטערגעבן זיך געשעט דער נס, און קאָפּ אין יאָך שפּאַנען, דאָס איז דער באַרוף און די דערהייבונג פֿון ברואים. און איר, נאָך איידער איר האָט זיך אין וועגן געלאָזט, ווילט איר שוין דעם ציל אייערן, אַ דערגרייכטן און אַריבערגעשפּרונגענעם האָבן, און אייערע פֿערד, וואָס דאַרפֿן איבער באַריערן שפּרינגען, זיינען דאָך ביי ציגיינער און פֿאַרשלעפּטע קרענק געקויפֿט, און וווהין ווילט איר זיך עס לאָזן, און ווי ווילט איר וועלטגעוועטן געווינען?...
און איך טראַכט זיך ווייטער: אָט שטיי איך, אַ הינטל דאָ פֿאַר אייך, אַ קליינס און ניט

קיין אמתדיקס,, אַ צאַצקע נאַר און אַ נאַרישער קאַטאָוועס. און דאָך די מסורה פון די אמתע הינט ווייס איך, און כאָטש אַ הינטישע, דאָך אַ ריכטיקע - און לערנען מעג מען זיך אַפילו ביי הינט...

– אדרבה - בעט זיך דער שריפטשטעלער.

– מ'דערציילט: - לאָזט זיך דאָס הינטל ניט בעטן - איידער דער ערשטער וואָלף האָט באַשלאָסן אַ הונט צו ווערן, האָט ער פריער אַ גרויסן יישוב געהאַט. געהונגערט האָט ער שוין אַ צייט זייער, מיט זיין ווייב און מיט זיינע וועלפעלעך, און נאָענט צו דעם מענטשנס וווינונג קומען איז שוין דאַן וואָס אַ מאָל אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן; דער מענטש האָט שוין אַרום זיך און אַרום זיין גוטס אַ מין פלויט, אַ פּאַרקן געמאַכט, און אויך געווערט האָט ער זיך שוין ניט מיט הוילע הענט דעמאָלט, נאָר האָט שוין שטיינער, דריקעס און דראָנגעס אויסגענוצט. האָט דער וואָלף דעם זומער ווי ניט ווי נאָך דורכגעלעבט, ווען ניט ווען ביים מענטשן עפּעס אַוועקגעשלעפּט. אָבער אַז דער ווינטער איז געקומען, אַז די פרעסט האָבן די וועלדער באַהערשט, און אַז בערג מיט שנייען האָבן זיך אָנגעהויפנט, און קינדער האָבן אין די היילן געהוילט, און פון מענטשנס דאַך, האָט ער געזען, אַז וואַרעמער רויך גייט אויף, שמעקט מיט פלייש אַ מאָל, און יעדערס מאָל מיט געקעכטס - אָט דעמאָלט איז דער וואָלף ניט איין מאָל צום מענטשנס וווינונג אונטערגעקומען, אויף אַ היפּשן מהלך נאָר אָפּגעשיידט, זיך אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און דעם קאָפּ צו מענטשנס דאַך פאַרריסן, געזעסן און לאַנג אויפן רויך געקוקט... ער האָט זיך געטראַכט: אמת, וואָלפישע פרייהייט איז פון גאָט, אין די געבאָטן איז אונדז פאַרזאָגט וועלף צו זיין, און ווינטערנעכט אין טיטשקעס זיך זאַמלען און דער פאָרויסלויפנדיקער "זי" נאָכלויפן, איינס איבערן אַנדערן זיך שטאַרקן, איינס דאָס אַנדערע איבער זיך אומברענגען, שטאַרק זיין; איינגעמען און דערווערבן... נו, און אַז דו האָסט דערווערבט, און אַז אַ דאַנק די ציין און אין זכות פון כוח און אין כוח פון ליבע האָסטו שוין די "זי" צו זיך אין הייל געבראַכט; און אַז אין אַ צייט אַרום האָט זי דיך מיט וועלפעלעך באַגליקט, און זי איז מוטער־מאַט, און קינדער זויגן איר דאָס לעצטע אויס, און זי ליגט און שווייגט און די אויגן זיינען איר מיט רחמנות פול, און דו ביסט אָרעם, און נאָר מיט קנאַפּער פעל אויף זיך... און דער ווינטער איז אַן אכזר, און ביי נאַכט די פרעסט שטאַרקן זיך, און דער הימל איז מיט שטערנמאָן פאַרזייט, און מאָן איז קיין מאכל ניט, און די לבנה מיט מילך גיסט, און די קינדער קומט גאָרניט אָן פון איר - ווי זאָל מען דעמאָלט וואָלפישע געבאָטן געדענקען און ווי זאָל מען זיך אָן אַלטע ירושות און אָן שטאָלצע גלייבונגען האַלטן?... אַז אַלע וועלף פון געגנט זיינען אומגעקומען, אַז די לעצטע פון דאַנען האָבן שוין אויסגעוואַנדערט, און פון גאַנצן שטאָם פון היגן זיינען פוסטע נאָרעס נאָר געבליבן... און דער מענטש שטאַרקט זיך, און זיין שטוב איז באַוואָרנט, און זיינע קינדער וואַקסן אונטער, און די קינדער העלפן אים, און זיין רייכטום מערט זיך, און זיין ווויל שטאַנד פאַרגרעסערט ווערט, און דו ביסט, ווי געוועזן, און פאַר לאַנגע דורות איז דיר גאָרניט צוגעקומען - וואָלט דען ניט גלייך געווען זיך אונטערגעבן, וואָלט דען ניט קיין פלאַן געווען דאָס געווער אַוועקלייגן און אין שוואַכקייט זיך מודה זיין?...

און דער וואָלף האָט איין נאַכט געטראַכט און צו גאָרנישט ניט געקומען, די צווייטע נאַכט - און אַלץ אַנטקעגן מענטשנס שטוב און אויפגייענדיקן רויך געזעסן, דעם דריטן אויפדערנאַכט - איז ער אַהיים געקומען. און אַז ער האָט די וואָלפיכע שוין אַ האַלב טויטע כמעט געטראָפן, און די קינדער אָן פּיפּס און אָן עסן האָבן זיך נאָך ביי

איר לעצט ביסל בויך־וואַרעמקייט געוואַרעמט; און אַז דער וואָלף האָט זיך דאַן צו דער וואָלפיכע געווענדט און איר זיין פלאַן און זיין איבערקלערן פאָרגעלייגט, האָט די וואָלפיכע געשוויגן, קוים געהערט, און וואָס ער האָט גערעדט, שוין שוואַך פאַרשטאַנען, און אַז דער וואָלף האָט זי געוועקט, געטאָרקעט און פון איר אַ לעצט וואָרט הערן געוואָלט, האָט זי זיך אַ דריי געטאָן, און מיט לעצטער בייזקייט און שוואַך פגירישע ציין אים אַ ביס געטאָן – אַן ענטפער געגעבן:

– זעסט דאָך...

און דער וואָלף האָט באַלד זיין הייל פאַרלאָזט און צום מענטשנס ווינונג געקומען, האָט זיך שטיל צו זיין שטוב צוגשאַרט און די גאַנצע נאַכט דאַן די שוועל פון זיין שטוב געהיט. און אין דער פרי, אַז דער מענטש איז אויפגעשטאַנען, אַרויסגעגאַן, און דעם וואָלף ביי זיין טיר געטראָפן, האָט ער פריער ניט פאַרשטאַנען, געמיינט: אַ דערפרוירענער... אַז ער האָט אָבער געזען, אַז ער רירט זיך, האָט ער פריער זיין גראָבן דראָנג גענומען, אים מיטן גאַנצן כוח אויפן וואָלפס ביינער אַראָפּגעלאָזט, אים געשלאָגן און ניט אויפגעהערט, אַלץ געמיינט – ער וועט אַנטלויפן, און אַז ער איז ניט אַנטלאָפן, און אַז ער האָט די גאַנצע צייט די אויגן צו אים אַרויף און נכנעדיק געהאַלטן, און ביי זיינע פיס, ווי זיין גאַנצן שטאָלץ און אַלץ וואָלפישעס אַוועקגעלייגט, האָט דער מענטש פאַרשטאַנען: דער וואָלף איז מיט שלום־געדאַנקען געקומען, און אַז פון היינט און ווייטער האָט פון מלחמה צו טראַכטן אויפגעהערט. האָט ער אים ווייטער געשלאָגן, און דאָס מאָל אים שוין אויף אויסצופרוּוון: און אפשר וועט זיך אין אים צוריק דער וואָלף דערוועקן, אָן זיין געוווינשאַפט זיך דערמאָנען, און זיך ווידער אַנטקעגנשטעלן פרוּון. האָט אָבער דער וואָלף אויך איצטיקס מאָל אויסגעהאַלטן, אויסגעהאַלטן – און דער מענטש האָט מיט אים שלום געשלאָסן, און באַלד אים עסן און טרינקען אַרויסגעטראָגן. אויף מאָרגן האָט דער מענטש ביי זיין טיר שוין אויך דעם וואָלפס ווייב און דעם וואָלפס קינדער געטראָפן, און ער האָט זיך אויך אויף זיי מרחם געווען, האָט זיי אָפּגעהיט, און דאָס גאַנצע געזינדל ביי זיך צו לעבן, אים צו דינען און אים געטריי זיין געלאָזן.

אָט דאָס איז מיטן וואָלף געווען, און זיין שטאָלץ האָט פון אים דער מענטש אַרויסגעשלאָגן, און דו ביסט אַליין אַ מענטש, און מוזט זיך עס אַליין אַרויסשלאָגן...

–איז וואָס ווילסטו? – האָט זיך שוין דער שריפטשטעלער אונטערגעבייזערט.

– כעס זיך ניט! כ'האָב דאָך דיר פאַר דער טעמע ניט ערב געווען. אָבער עס איז מיין חוב און מיין באַרוף; אונדזער זיידע האָט ניט אומזיסט ביי דיין זיידן זיין ערשטע סעודה באַקומען... שלום איז שלום, און דינען און געטריי זיין איז אַ הינטישע זאַך; איך וואָרן דיך.

– דיבורים! וואָס מיינסטו?

– איך זע דיין צער און קאָן אים ניט צוזען; דו און דייניקע האָבן זיך אונטערגענומען איבער זיך אַליין אַריבערשפּרינגען, און שפּרינגענדיק גייט ביי אייך דאָס לעצטע ביסל מזומנים פון די קעשענעס פאַרלוירן. נאָך קלאָרער; איר האָט זיך איינגערעדט; גרענעץ איז באַגרענעצט, דאָס אמתע מלכות איז פרייהייט אין חלל, אַ מרידה קעגן אַל דער ראָד און קרייזן! און איר האָט זיך אין חלל פאַרלוירן, און דער אמת איז אין גרענעצן געגעבן, די אמתע פרייהייט איז דאָס וועלן זיך באַפרייען, און אַ מאָל איז יאָר אויף זיך נעמען די גרעסטע מרידה... און אָט צוליב דעם האָב איך די מעשה מיטן וואָלף דערציילט.

- ס'איז נאַרישקייט און מסופקע געשיכטע.

-אין קיין געשיכטעס ניט, אָבער אין חלומות גלייבסט דאָך יאָ, טאָ נאָ זשע דיר אַ חלום.

- וואָס דיר האָט זיך געחלומט?

- ניין, דיר, און דו האָסט פאַרגעסן.

- דערמאָן.

- בין איך איין מאָל שפּעט ביי נאַכט אויף דיין טיש געשטאַנען, דאָס נאַכטלעמפּל האָט געברענט און דו ביסט אַנטקעגן אין בעט געלעגן און געשלאָפן. פּלוצעם האָסט זיך צעוויינט, פריער שטיל און באַלד אויפגעהערט, דערנאָך ווידער אַ מאָל און שוין אויף אַ קול און ביטער זייער. און דאָ האָט זיך דער בעל־החלומות אין צימער באַוויזן. דו זעסט אים ניט, איך אָבער בין מיט אים שוין לאַנג באַקאַנט, פון פיל נעכט און פון פיל באַזוכן זיינע ביי דיר. ער איז באַלד צו דיין בעט צוגעגאַנגען, זיך איבער דיר איבערגעבויגן און דיר די הענט פון האַרצן אַראָפּגענומען. האָסטו זיך באַלד באַרויקט. דאַן האָט ער זיך, ווי אַ דאָקטער ביי אַ חולה, אויף אַ בענקל, וואָס איז ביי דער זייט פון דיין בעט געשטאַנען, אַראָפּגעלאָזט, אַ שטיקל צייט נאָך געקוקט אויף דיר און דיך מיט די אויגן באַטראַכט. אָפּבאַטראַכט, האָט ער זיך מיט מיר צערעדט, ער האָט ביי מיר אויספרעגן גענומען, ווי לעבט זיך דיר, ווי אַרבעט זיך און ווי גייט עס? האָב איך אים אַלץ, וואָס געוווּסט, דערציילט, און די פאַרענדערונג, וואָס איז אויף דיר די לעצטע צייט צו באַמערקן, און אַז גרויסע יסורים ליידסטו בהקיץ, און אַז ביי נאַכט וויינסטו פון שלאָף אָפּט. און דער בעל־החלומות האָט מיך אויסגעהערט און געשוויגן, געשוויגן און נאָר מיטן קאָפּ געשאָקלט: "יאָ, ער וויינט. ער האָט אויף וואָס צו וויינען... בהקיץ גיבן זיך ניט אויס די לייט, האַלטן זיך שטאַרק און שטייף מכלומרשט, דערפאַר אין שלאָף אָבער רייסט זיך עס אַרויס פון זיי..."

און וואָס האָט ער איצט געוויינט?

- ער האָט געזען - האָט דער בעל־החלומות דערציילט - ווי אַ שטאָט האַלט זיך אין מויערן... ציגל און ליים, שטויב און שטאַבעס, און אַלץ, וואָס ס'געהערט צו בויען... און בויען בויט זיך גיך, און די אַרבעט גייט פלינק... און אָט זיינען די שטאַבעס שוין צענומען און די מויערן שוין פאַרטיק, און די פענצטער זיינען מיט גראַטעס, ווי אין תפיסות, געמאַכט. און מיט אַ מאָל - און די מויערער בלייבן ניט פון דרויסן, און יעדער מויערער שוין אינעווייניק אין אַ תפיסה זיצט און פון אַ גראַטע־פענצטער אַרויסקוקט. און פּלוצעם, און אַלע מויערן זיינען איין מויער געוואָרן, און אינעווייניק זיצט ער אַליין דאָרט... און ס'געדויערט ניט לאַנג, און ער דערזעט זיך אַלס יונג אָדלערל דאָרט מיט אַ געל שנאָבעלע און מיט קורצע נאָך פליגל, און די אויגן בענקען ביי דעם און פאַר־מרהשחורהט איז דאָס שוין ווי אַן אַלטער געפאַנגענער... און מיט אַ מאָל - און דאָס אָדלערל בלייבט אָדלערל, און ער אַליין זיצט אויף אַ בענקל פאַר דעם, ביי אַ טיש און פאַר פאַפּיר, און מיט טינט און פעדער אָנגעגרייט, און דאָס אָדלערל דיקטירט אַ בריוו צו זיין טאַטן, און ער ברענגט זי אויף פאַפּיר אַרויף.

און אַזוי דיקטירט דאָס אָדלערל;

"...און נאָך שרייב איך דיר, טאַטע: כ'בין נאָך קיין מאָל אַזוי עלנט ניט געווען, כ'האָב נאָך קיין מאָל אַזוי עלנט פאַר קיין ברודער ניט געפילט, ווי איצט און ווי די לעצטע טעג, און כ'האָדעווע זיך מיט אים, און כ'עס מיט אים פון איין שיסל אין איינעם... און, טאַטע, קיין מאָל האָט נאָך, ווי איך דיר, קיין זון קיין טאַטן ניט ליב

געהאַט... און אַז איך פֿאַרמאַך די אויגן, שטעלט זיך מיר פֿאָר, ווי איך מיט דיר אויפֿן העכסטן וועלטפּעלדז זיצן, און די וועלט אַרום אונדז איז אַ גרויסע און ניט קיין באַזעצטע, און איך מיט דיר באַטראַכטן זי פֿון פעלדז פֿון אונדזערן, זיצן און קוקן און פֿון צייט צו צייט מיט די שנאָבלען אונדזערע אין אונדזערע פֿעדערן פּיקן... און מיט אַ מאָל טוסטו אַ זאָג צו מיר: 'זון, מיר פֿליען!' און מיר לאָזן זיך אַרום דער וועלט און קיילעכיק, דו פֿאַר פֿריער און איך נאָך דיר, און דו ביסט מיר דו, און איך לערן זיך און הייליק די שפּורן דיינע נאָכפֿליענדיק, און מיט דיין פֿאָרויספֿליענדיקן אָטעם - אָטעם איך, און ביי דיין אָנגעצייכנטער ראָד האַלט איך זיך... און דו ווייזסט מיר דיין מלוכה אויס און וואָס איך האָב צו ירשענען נאָך דיר, און איך פֿלי דיר דיינע שפּורן נאָך, און לערן און געוויין זיך געוועלטיקן...

טאַטע, און ליב איז מיר אויף דיין תּפֿיסה... און אַ מאָל __און איך בין באַגלייבט אין דרין! וועל אין אַ שטילן פֿרימאָרגן צי אין אַ טונקעלן פֿאַרנאַכט, ווי אַ שטילער געדאַנק דורך די גראַטעס זיך דורכשלייכן, און שטיל און ניט באַמערקט פֿאַר קיינעם אויף די הויכע און די ווייטע בערג דיך זוכן לאָזן. קיינער וועט מיר דעם וועג ניט פֿאַרשטעלן, קיינע גראַטעס זיך דורכשלייכן, און שטיל און ניט באַמערקט פֿאַר קיינעם אויף די הויכע און די ווייטע בערג דיך זוכן לאָזן. קיינער וועט מיר דעם וועג ניט פֿאַרשטעלן, קיינע גראַטעס וועלן מיר קיין צוים ניט זיין, און דערווייל האַלט איך זיך נאָך אויף, און פֿון צייט צו צייט קני איך און בעט פֿאַר דיינע גראַטעס: טאַטע, פֿאַרגעס ניט דיין זון..."

און די בריוו איז געענדיקט, און דאָס אָדלערל איז שטיל פֿאַרדמיונט, און פּלוצעם, און אַז ער (דו, הייסט עס) האָט דעם קאָפּ פֿון טיש און פֿון פּאַפּיר און שרייבן אויפֿגעהויבן און צום פֿענצטער אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט ער דערזען, ווי די גראַטע איז אויפֿגעבראָכן, ס'איז דאָ אַן אָרט פֿאַר אים און פֿאַרן אָדלערל אויף אַרויסגיין, און ער האָט דאָס אָדלערל פֿון פֿאַרדמיונט זיין אויפֿגעוועקט, און מיט אַ פֿינגער דעם אויפֿן אָפֿן געוואָרענעם פֿענצטער אָנגעוויזן: "קום, ס'איז אָפֿן..." און דאָס אָדלערל איז פֿאַר פֿריער געגאַן, און ער איז דעם נאָכגעגאַן, און ביים אָדלערל האָט זיך איינער אַ פֿליגל נאָכגעשלעפּט, און געגאַן איז דאָס הינקענדיק און אויסגעזען קרענקלעך, און ער האָט דאָס באַלייט פֿון הינטן, און אַזוי זיינען זיי אויפֿן גאַס געקומען. אַז זיי זיינען אַ שטיקל וועג אָפּגעגאַן, האָבן זיי אַ בהמה און עופֿה־רופֿא באַגעגנט, אַ פֿולבאַהאַנגענער און מיט מכשירים באַלאָדן, מיט זיינע מעסערלעך און רופֿא־געוווער אָנגעשטעקט, און מיט זיין גאַרטלטאַש, מיט פֿאַרשיידענע זאַלבן און שמירעכצן אויף שמירן... האָט ער זיך צום רופֿא געווענדט און אים אָפּגעשטעלט, אים פֿאַרהאַלטן און אויפֿן פֿליגל אים אָנגעוויזן; ער הענגט זיך אים נאָך און טוט אים ווי,שלעפּט זיך און קען ניט פֿליען. האָט זיך דער רופֿא צום אָדלערל אָנגעבויגן און דאָס ביי דער פּאַכוועלע און ביי דעם געלענקל געטאַפּט, דערנאָך זיך אויפֿגעהויבן און אַזוי געזאָגט; ס'איז ניט אויסגעלענקט, ניט אויסגעוווּכענעט, ס'איז פֿון געבוירן, און איך מיין, ס'איז פֿאַרפֿאַלן... האָט ער זיך צעוויינט, און דאָס אָדלערל האָט דערשלאָגן אויסגעזען, און דאָס פֿליגעלע ביי דעם האָט ווי אַ יתומל און איבעריק אָפּגעשטאַנען אויף דער ערד זיך געשלעפּט; האָבן זיי זיך נאָכן פֿליגעלע שבֿעה געזעצט, דאָס אָדלערל ווו געזעסן, און ער האָט זיך נעבן דעם אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט, און דער רופֿא האָט זיי העלפֿן געוואָלט און מיט וואָס ניט געוווּסט, האָט אויך ער זיך אַראָפּגעלאָזט, און אום זיי צו טרייסטן האָט זיי אַן איוב־מעשה דערציילט.

און האָט אַזוי אָנגעהויבן:

פון אַ יריד גיי איך. פערד און בהמות האָב דאָרט געהיילט, קרומע, בלינדע און אויך מאָגן־פאַרשטאָפּטע. ביי אַלעמען האָב פאַרן היילן דאָס געצאָלטס באַקומען. ביי איינעם נאָר, אַן אָרעמער פאַרשוין עפּעס, מיט אַן אָרעם און עלנט פערד־און־וועגל, וואָס דאָס פערד איז ביי אים איינגעפאַלן, און ער האָט מיך גערופן, און איך האָב אים העלפן ניט געקענט, און דאָס פערד האָט אין מיטן דער רפואה די פיס אויסגעצויגן און דער יריד די נשמה אָפּגעגעבן – האָט מיר פאַרן היילן ניט באַצאָלט. נאָר באַלד נאָכן אַוועקפאַלן פון פערדל, האָט זיך אַ שינדער באַוויזן און ביים אָרעמען פאַרשוין דעם פערדס נבלה אַוועקגעהאַנדלט. און אַז דער פאַרשוין האָט דאָס געלט באַקומען, האָט ער מיר אַ ווונק געטאָן און מיך אין אַ שענק אָפּגערופן: קום מיט מיר אויפן לעצטן.

– און מיט וואָס וועסטו אַהיימקומען?

– כ'וועל דיר שוין אין שענק זאָגן.

אַז מיר זיינען געקומען, זיך אַוועקגעזעצט און די ערשטע און די צווייטע כוסות גענומען, און מיין פאַרשוין האָט זיך צעוואָרעמט און זיין צער און פערד־און־וועגל־עלנט האָט פון אים אַרויסדעמפן גענומען, האָט ער מיר דערציילט; צי וואָר, צי אַ שיכורער אויסוווייז נאָר, בין איך ניט ערב, נאָר געזאָגט האָט ער אַזוי:

– ס'איז מיין לעצטס, און אהיימקומען האָב ניט מיט וואָס, און אַ סברא, אַז כ'האָב גאָר קיין היים ניט. און בינען בין איצט אין צווייטן גילגול, און אין ערשטן בין רייך געווען און פיל גוטס געהאַט, און מער וויפל איך האָב געהאַט, מער האָט מען מיר געגעבן... און געווען ביז דאַן אַן ערד־פאַרמאָגער אַ גרויסער, און פעלדער האָב פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט געהאַט, און אַז די צייט פון אַקער איז געקומען און איך בין מיט מיינע פערד אין פעלד אַרויסגעפאָרן, אַזוי האָב אין הימל אויבן איבער מיר אַ פּאָר אָקסן צו אַן אַקער געשפּאַנט דערזען; און די אָקסן זיינען איבערן הימל געגאַן און איבערן באָדן דאָרט אַ שטויב אויפגעהויבן, און פון איין האָריזאָנט צום צווייטן, און היין און צוריק, און ווי ביי אַקער מ'איז זיך נוהג, און צו האַלבן טאָג איז שוין מיין האַלב פעלד צעאַקערט געווען, און פאַר נאַכט, אַז די הימלאָקסן זיינען אין האָריזאָנט אויף נאַכטלעגער און אויף אָפּרו אַוועק, איז שוין מיין פעלד און אין גאַנצן גרייט און שוואַרץ געשטאַנען... אַזוי מיטן אַקער און אַזוי אויך מיט אַנדערע אַרבעט. און אין שניט־צייט – און אין הימל האָבן זיך מיר שניטערס געוויזן און גאַנצע טעג זיך געבויגן און די רוקנס ניט אויסגעבויגן, און שווייס איז פון זיי גערונען, און וואָסער האָבן זיי פון הימל־קריגעלעך געטרונקען, און די תבואה אין הימל איז אָפּגעשניטן געווען, און מיין פעלד אונטן דאָ איז מיט גרויסע הויפנס פון צונויפגעלייגטע תבואה־בינטלעך באַשטעלט געוואָרן... און אין וואָס פאַר אַ זכות – ווייס איך ניט, און פאַר וועמענס גוטע מעשים – אויך ניט, נאָר אַזוי אויך מיטן אַריינעמען און אַזוי אויך מיטן דרעשן און מאָלן, און אַזוי יאָר נאָך יאָר – און באַשטענדיק מיט נסים, און מיין שטוב איז איבערגעפולט געווען, און מיינע שייערן ביז אין די דעכער אָנגעלייגט, און מיין פיך איז געזונט געווען און איר אַרבעט און איר פרוכט מיר געגעבן, און גאָרנישט איז מיר אָפּגעגאַן, און גאָרנישט האָט מיר געפעלט, און די ברכה איז ביי מיינע שוועלן געלעגן, און מויל און ליפּן האָבן זיך מער ניט געוווּנטשעוועט.

נאָר איין מאָל, אין אַ האַרבסטצייט, אין אַ פאַרנאַכט אַ מאָל, האָט מען מיר פון הימל אַן אורח צוגעשיקט: אַ קרענקלעכן און אַ קרעכצנדיקן, אַ שווייגנדיקער און אַליין עפּעס אַ האַרבסטיקער, און ער האָט אין אָוונט מיין טיר איבערגעטראָטן און ביי מיר זיין

טאָרבע אָפּגעלייגט. ער האָט זיך אויף נאַכטלעגער געבעטן, כ'האָב אים ניט אָפּגעזאָגט, כ'האָב אים אַן אָרט אָנגעוויזן, אָבער צופרידן בין מיט אים ניט געווען; עפּעס האָט ער מיר צו פרעמד און עפּעס ניט גוטס ברענגענדיק אויסגעזען. ער האָט איבערגענכטיקט, איז אויפגעשטאַנען, איך האָב אים מיט גוט-מאָרגן געבענטשט, און ער האָט ווי ניט איינגעהערט. ער איז מיטן פּנים צו אַ פענצטער געשטאַנען און אין דרויסן אַרויסגעקוקט. אין דרויסן האָט גערעגנט. אויף די פענצטער האָט די האַרבסטנעץ געטרערט, און די וועלדער האָבן זיך געווייקט, און דער הימל האָט זיי געצוואָגן. און פּלוצעם, און דער אורח האָט זיך אויסגעדרייט און אויף מיר מיין ניט צופרידן זיין באַמערקט, און ער האָט מיר פערד פּאַר אים שפּאַנען געהייסן: ער איז קראַנק און קען צו פוס ניט גיין... און איך האָב דערווידערט, און איך האָב אים מכלומרשט ביי מיר נאָך פאַרבלייבן געבעטן, און אין דער אמתן האָב דאָס ניט געוואָלט, און אויך קיין פערד שפּאַנען קיין בעלן ניט געווען, און געוואָלט האָב איך, ער זאָל אַליין אַוועקגיין און וואָס גיכער די שטוב פאַרלאָזן. און ער האָט פאַרשטאַנען, און ער האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט, און ער האָט זיך נאָר צו זיין טאָרבע אָנגעבויגן און זי פון דער ערד אויפגעהויבן, און ניט אויפן אַקסל האָט זי פאַרנומען, נאָר אין דער האַנט אַריין, ווי ער דאַרף זי נאָר אין דרויסן אַרויסטראָגן, און דאָרט וואַרט שוין עמעצער אויף אים. און באמת, ווי ער האָט זיך געזעגנט און פון שטוב אַרויסגעגאַן, און איך בין מיט אים איבער דער שוועל אים אַרויסבאַלייטן אַריבער, אַזוי האָב איך באַלד ביי דער טיר אַ פערד-און-וועגל שטיין דערזען. ער איז אויפן וועגעלע אַרויף, אַ טרייב געטאָן און אַ זאָג געטאָן:

-אַז דו וועסט עס אַ מאָל דאַרפן, דאָס פערד-און-וועגעלע, איז דאָס אָנגעגרייט פאַר דיר...

און דער אורח איז אַוועקגעפאָרן, און איך האָב צוריק די שוועל איבערגעטרעטן, און עפּעס איז פאַרבליבן נאָך אים, וואָס ביים נאָמען איז דאָס ניט אָנצורופן, אָבער געוויס איז דאָס אַ קללה געווען, און געוויס האָט ער זי ערגעץ ביי מיר אין שטוב אין אַ ווינקל געלאָזט... פון דעמאָלט אָן, און די פרימאָרגנס זיינען אומעטיקע פרימאָרגנס געווען, און די פאַרנאַכטן אין שטוב ניט קיין פריילעכע, און אַ זאָרג האָט פון דעמאָלט אָן אין קומען געהודעט, און ביי נאַכט פלעג אין הייזל ביי מיר עמעצער אויפן לייטער גיין, און דאָס פייער אין אויוון האָט געקנאַקט משונה, און דער לאָמפּ אין אָוונט פלעג זיך עפּעס לעשן אָפּט; און דער האַרבסט איז האַרבסט געווען, און נאָכן האַרבסט איז ווינטער געקומען, און דאָס, וואָס דער אורח האָט געלאָזט נאָך זיך, בין איך אויך אום ווינטער ניט איבערגעקומען: און דאָס פיך האָט זיך צעקרענקט ביי מיר, און קיין רופא האָט זיך ניט געוויזן, און דאָס פיך איז אַוועקגעפאַלן, און איך האָב אַפילו קיין שינדער די פעל פאַרקויפן ניט געהאַט, און צום סוף ווינטער בין אויך איך קראַנק געוואָרן, און אַ צייט אין בעט אָפּגעלעגן, און צו פריי-יאָר, און צו אַקערצייט האָב שוין ניט געהאַט מיט וואָס אין פעלד אַרויסצופאָרן. און איין מאָל, אין אַ טאָג אַ וואַרעמען, ווען איך האָב זיך פאַר דער שוועל אַרויסגעשלעפּט, האָבן זיך אין הימל די געוויסע גליקאָקסן באַוויזן. און ווידער געשפּאַנטע און ווידער האָב געמיינט, אַז מיינע פעלדער מיינען עס, און גערעכנט, אַז דאָס זיינען זיי געקומען מיין אַקערפעלד באַזאָרגן; האָב איך זיך דערפרייט מיט זיי, און מיט פרימאָרגן און מיט שפּאַן און יאָך זיי געבענטשט; האָב איך זיי דאַן נאָכגעקוקט, ווי באַשטענדיק, און פּלוצעם - און אויסגעקערעוועט האָבן זיך די אָקסן און פון מיין רשות אַרויסגעגאַן, און צו אַ צווייטן - צו אַ שכן מיינעם - צו אים אויפן

גאַנצן טאָג אויף אַרבעט... פאַר נאַכט, ווען זיי האָבן זיך צוריק פון דער אַרבעט אומגעקערט און פאַרביי מיינע פעלדער דורכפאָרנדיק, מידע און מיט זונפאַרגיין זיך געזעגנענדיק, האָב איך זיך צו זיי געקערעוועט און ביי זיי "פאַר וואָס זיי מיידן מיך אויס" געפרעגט. האָט זיך אויפן וואָגן ביי זיי ווי יענער אורח מיינער באַוויזן און מיר אַראָפּגעענטפערט: "מיר מיידן דיך ניט אויס, מיר האָבן קעגן דיר גאָרנישט, און אויב דו ווילסט, קענסטו אַרויפקומען, און מאָרגן גאַנץ פרי מיט אונדז אויף אַרבעט צו דיין שכן אַרויספאָרן."

– און צו מיר? – האָב איך אַ פרעג געטאָן.

– צו דיינע פעלדער ליגט אונדז דער וועג ניט אַצונד...

און איך האָב פאַרשטאַנען: מיין צייט איז מיר פאַרגאַן, און מיים ברכה האָט זיך פון מיר אָפּגעטאָן. האָב איך זיך מיטן זונפאַרגיין געזעגנט און מיינע פעלדער געבענטשט, האָב צו די אָקסן אַרויפדערלאַנגט און מ'האָט מיך אַרויפגענומען, באַשטאַנען, – און מיט זיי שוין מאָרגן אויף פרעמדע פעלדער אַרויסגעפאָרן.

אַזוי בין איך פון דער וועלט געקומען, און לאַנגע יאָרן האָב איך אין הימל ביי פרעמע גליקן פאַר אַן אָנטרייבער געדינט, און דערנאָך, אַז ס'איז מיר נימאס געוואָרן, האָב זיך צוריק אויף אונטן און אויף אַראָפּ געבעטן... האָט זיך מיר דעמאָלט ווידער מיין אורח באַוויזן, און נאָך אַלץ אַ קרענקלעכער, און נאָך אַלץ דאָס אַמאָליקע מיר ניט פאַרגעסן, און איזן איז ער דאָרט אַן אויפזעער אויף עפּעס געוועזן, און עפּעס שליסלען צו טויערן פון שטאַלן געהאַט, און אַז ער האָט איצט מיין בקשה דערהערט, האָט ער מיך צו אַ שטאָל צוגעפירט, זי אויפגעעפנט און זיין אַמאָליק פערד־און־וועגן מיר אַרויסגעפירט:

– דו קענסט דאָס נעמען. היט מיר דאָס פערדל אָפּ, ס'איז אַ שוואַכס ביי מיר; פאַלט עס, אַזוי האָסטו ניט מיט וואָס אַהיימצוקומען; איז דיין אָרט דיר דאָן אין אַ שענק זיך וואַלגערן.

אָט אַזוי האָט מיר דער פאַרשוין פון פערד־און־וועגל דערציילט, און דאָס האָב איך איך איצט איבערדערציילט – האָט דער רופא פאַרענדיקט.

– און צוליב וואָס דערציילט? – האָט ער מיטן אָדלערל ביים רופא געפרעגט.

– ראשית, אַנטקעגן דעם, אַז ס'זיינען דאָ גילגולים; און מעגלעך, אַז אין ערשטן גילגול האָט איר איינעם אַ האַרבסטיקן און הוסטנדיקן גורל אויפן פוס אָנגעטראָטן. והשנית, אַ רופא זאָג איך, קערט זיך אום... שלעכט־שלעכט, אָבער אַ היים איז אַ היים, און קראַנקע דאַרפן זיך ניט שלעפּן...

און פלוצעם (האָט דער בעל־החלומות ווייטער דערציילט) און ער מיטן אָדלערל האָבן זיך ווידער אין תפיסה דערזען. און די גראַטע איז צוריק גאַנץ געוועזן, און ווי פריער קיין אָפּנס און קיין אַרויסגאַנג ניט צו מערקן; און דאָס אָדלערל איז ווידער פאַרמרהשחורהט געוועזן, און ער דערויף קוקנדיק, טרויעריק זייער; און ווידער איז ער ביים טיש מיט פאַפּיר און פעדער געזעסן, און דאָס אָדלערל האָט אַ בריוו דיקטירט, דיקטירט און ער האָט געשריבן:

"...און אַ מאָל, ווען איך בייג דאָס קעפּעלע אונטערן פאַכוועלע אַרונטער און שטיל און פאַרשטאַרט בלייב אין וואַרעמקייט דאָרט נעכטיקן, זע איך דעם טאַטן אין הימל, אין זיין היוכן רשות, און ביז וואַנען ס'איז מיר נאָר דערלויבט צו קוקן... און אָפּט, ווען מיר פליען אין איינעם, פאַרלויף איך אים פאַר פריער דעם וועג, און איך פיל זיינע מעכטיקע פליגל הינטער זיך: ווי ער קוקט מיר נאָך און האַלט אין אויג מיך, און מיט זיין זונס פאָרויספליען פרייט זיך; און אַ מאָל – און דאָס העכסטע גליק מיינס איז, ווען

זיין קול פון הינטער מיר צו מיינע אויערן דערגרייכט - ער שרייט מיר נאָך און שטאַרקט מיך דאַן: "אַזוי, זון... גוט און ווי מ'באַדאַרף פליסטו...' און דער אָטעם פאַרכאַפּט מיר דאַן, פון פרייד און פון פליען, און וואָלט איך נאָך אַ רגעלע דאָס קעפּעלע אין פּאַכוועלע געהאַלטן, אַזוי וואָלט איך דערשטיקט געוואָרן, און דער טאַטע וואָלט אַ יורש אָן אָטעם באַקומען...

די לעצטע צייט אָבער, טאַטע, ווען איך האָב זיך איין מאָל פאַרקלערט פון דיר, אַזוי האָב איך פּלוצעם דיך אויף דיין הויכן פעלדז דערזן; און אַ ווינט איז געוואָרן, און דער גאַנצער הימל אַרום פעלדז האָט זיך אָנגעוואָלקנט, און דער ווינט אויפן פעלדז איז זייער שטאַרק געווען, און דיין הויכע נעסט, וואָס צום שפּיץ פעלדז איז צוגעקלעפּט, האָט דער ווינט געריסן, און דו ביסט קוים איינגעזעסן, און די פעדערן דיינע האָבן זיך דיר צעבלאָזן, און דיינע אויגן זיינען דיר מיט בלוט פאַרלאָפן; און פּלוצעם - און איך האָב דיך אָן אַלטן דערזען, ווי דיינע יאָרן האָבן זיך דיר דערפולט, און דיין צייט איז געקומען פון פעלדז און פון דער וועלט צוגענומען ווערן; און גאָר פּלוצעם - און דער שטורעם האָט זיך אויף דער גאַנצער וועלט פאַרשפּרייט אין זיין צעבלאָזנקייט - מוראַדיק זייער און אין הימל האָט זיך אַ פּאָרכטיקייט אָנגערוקט... און אין סאַמע פּאָרכטיקייט און אין סאַמע וואָלקן-מורא, האָט זיך אָן אָרט איינס געעפנט: צוויי אָדלערס זיינען מיט ברענענדיקע ליכט פון דאָרטן אַרויסגעקומען, צו דיר און צו דיין פעלדז זיך געלאָזט, און הינטער זיי, אין אָרט, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעגאַן, האָט זיך אַ גרויסע אָדלעררעד באַוויזן, און אין מיטן דער ראָד איז אַ בעטל געשטאַנען, פאַר דיר שוין אָנגעגרייט, אַן אָרט, ווען יענע וועלן דיך פון פעלדז מיטברענגען... און יענע זיינען צו דיר מיט די ליכט אונטערגעקומען, און דו האָסט אין שטורעם-ווידוי געזאָגט, און דו האָסט זיך אונטערגעגעבן אָדלעריש, און - וויי! - פאַר מיינע אויגן, טאַטע, האָט מען דיך טראָגן גענומען, און איך האָב דיך אַפילו באַלייטן ניט געקענט... מי זיך פאַר דיין זון..."

און דאָ האָט דאָס אָדלערל אין מיטן דעם בריוו-דיקטירן דאָס קעפּעלע אין פּאַכוועלע אַריינגעטאָן און זיך צעוויינט, און ער (דו הייסט עס) אויפן אָדלערל קוקנדיק, האָסט אין אַ גרויס געוויין אויסגעבראָכן...

און דאָס הינטל האָט צוגעגעבן:

- און דאָס האָסטו אין חלום געזען, און דאָס האָט מען דיר אין חלום געוויזן, און וויינען מעגסטו וויינען, אָבער מיט צעבראָכענע פליגל שלעפּט מען זיך אויף קיין ירידים ניט, אַזוי זאָגן רופאים... געדענקסט דעם חלום?

- יאָ, האָסט מיך דערמאָנט.

- און וואָס?

- אַ דאַנק פאַר דערמאָנען.

- און נו?

- און פאַר דיין מוסר וועט דיר האָנאָראַר קומען.

- און מער גאָר?

- וואָס נאָך? - האָט דער שריפטשטעלער געשמייכלט.

און ער האָט זיך פון הינטל אָפּגעקערעוועט און דאָס אַליין ביים ציינווייטאָג און ביי די פאַרבונדענע באַקן געלאָזן, און אַליין האָט זיך צו טינט און פעדער גענומען, אום דאָס אַלץ אויף פּאַפּיר אַרויפבברענגען.

משה וואָלף

# יידישע דיכטערינס פון דעם אַמאָליקן סאָוועטנפאַרבאַנד [1]

"איך ווייס, יאָ, איך ווייס, אַז אויף ערדן אויף אַלע
אַלץ איינס - אַלץ איינס זענען ענלעך די פרויען ביז גאָר.
עס ליבן געטריי סיי שוואַרצהויטיקע כלות,
סיי ווייסע - מיט ווייכע, מיט גאָלדענע האָר
און קינדער געבוירן מיר אַלע מיט וויינען..."

דאָרע כייקינע; לידער.

"יידישע קולטור", 1995, נומ' 9–10, ז' 35)

## א.

פון מיין פריער קינדהייט, נאָך איידער איך האָב זיך באַקענט מיט דעם אַלף־בייס (אלף־בית) און אַפילו אַ סך פריער, ווען מיין זיידע ע"ה האָט אָנגעהויבן מיך נעמען אין שיל אַריין, הערן דאָס לשון־קודשדיקע דאַווענען, האָב איך געהאַט די זכיה זיך באַקענען מיט דער דיכטונג פון יידישע פרויען: מיינע ביידע באַבעס ע"ה פרייטיק, ערב־שבת, איבערגעטאָנענע אין יום־טובדיקע זיידענע קליידער, אויסגעפוצטע אין שבתדיקע פאַריקן און מיט שנירלעך פערל אויף זייערע העלדזער, פלעגן עפענען די תחינות (אָפט איבערגעקערטע מיטן "קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף") און מיט אַ ספּעציפישן נאָגנדיקן ניגון אָנגעהויבן רעדן מיט גאָט, ווי מיט אַ נאָענטסטן פריינד - זיי האָבן אים גערופן "טאַטע אונדזערער" געלויבט, געדאַנקט, זיך געקלאָגט און געבעטן, אַז ער זאָל שענקען גוטס פאַר יעדן איינעם, דאָס פלעגט מאַכן אויף אונדז, קינדער, אַ ביז גאָר טיפן רושם, ווייל אַלע בקשות זענען געווען דירעקטע און קאָנקרעטע, און דער עיקר אין פאַרשטענדלעכע יידישע געגראַמטע פערזן.

די דאָזיקע פרויען־דיכטונג האָט זיך אָנגעהויבן אין אשכנז, אַן ערך 1000 יאָר צוריק[2] צוזאַמען מיט דעם אויפקום פון יידיש. אונדזערע באַבעס און מאַמעס האָבן אין זייערע וועגדונגען צו גאָט געשליפן און געפיילט דאָס מאַמע־לשון, אַריינגעהויכט אין אים פרוישן חן, מענטשלעכקייט, מאַמעשקייט און רחמים־געפילן. "יידיש לשון איז דעריבער פול מיט חן, מיט יפת־תוארדיקער פרוישקייט, מחמת די פרוי איז דאָך דאָס שענסטע ווערק, וואָס גאָט האָט באַשאַפן אויף אונדזער זונדיקער ערד"[3]

די ערשטע געבילדעטע און טאַלאַנטירטע יידישע דיכטערינס האָבן זיך באַוויזן אין סוף פון 18־טן י.ה. זיי זענען געווען פיל אין דער צאָל און צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט.

די טעמע און די גרענעצן פון אונדזער עסיי דערלויבן נישט אַפילו נאָר איבעררעכענען די נעמען פון די בכבודיקע פאַרגייערינס (זע ע. קאָרמאַנס אַנטאָלאָגיע וואָס האָט אַריינגענומען לידער פון מער ווי 60 יידישע דיכטערינס, וועלכע האָבן געשאַפן אין די יאָרן 1888–1927). זייער רייכע גייסטיקע ירושה איז גענעטיש אַריבער אין די הערצער

---

1) פראַגמענט פון אַ נישט פאַרענדיקטער גרעסערער אַרבעט - "פרויען - יידישע דיכטערינס"

2) העשל קלעפּפיש, "פאַנטאַזיע אָדערווירקלעכקייט אין די "פאָלקסטימלעכע געשיכטעס" "יידישע קולטור" 1995, 3–4 ז, 35.

3) יחיאל שרייבמאַן. שייבער־פּאָרטרעטן. "די יידישע גאַס" 1995, זז' 56–68.

פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע יונגע, היינטצייטיקע "נישט־שבתדיקע", "גאַנצוואָכעדיקע" יידישע דיכטערינס, באַזונדערס, פון די, וועלכע האָבן די מיינסטע יאָרן אָפּגעשוואָרצט אין סאָוועטישן "גן־עדן, געמוזט תפילה טאָן צו דעם הערשנדיקן מולך – צום "פּאָטער פון אַלע פעלקער", אָדער שרייבן פּאַר "דעם טיש קעסטל", שעפּטשען זייערע אויסגעוויינטע פּערזן בלחש, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט זיי צו פאַרעפנטלעכן.

אין די קומענדיקע שורות ווילן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף אייניקע – ביז גאָר אַ קליינע צאָל פון זיי, און ניט דערפאַר ווייל זיי זענען געווען די טאַלאַנטספולסטע, נאָר צוליב אַנדערע מאָטיוון:

קודם כל, כמעט מיט אַלע פון זיי בין איך געווען פּערזענלעך באַקאַנט, צווייטנס, ווייל דאָס רוב פון זיי האָבן געדיכטעט אין מוראדיקע צושטאַנדן, אינעם רשעותדיקן סאָוועטן־לאַנד, ווו נישט נאָר דיכטן בקול רם, אַפילו אָפּרעדן זיך פון הארץ איז געווען שרעקלעך און געפערלעך. דריטנס, דאָס רוב פון זיי זענען געווען פרויען אָדער ביז גאָר נאָענטע קרובים פון די סאָוועטישע קרבנות. אַ ריי פון זיי איז געווען פאַרשיקט אין די הרי החושך, אָדער יאָרן־לאַנג אָפּגעזיצן אין די טורמעס און קאַטאָרגע־לאַגערס, ווי למשל ליובע וואַסערמאַן און רבקה באַליאַסנע.

## ב.

ריווע באַליאַסנע, געבוירן אין 1910, אין ראַדאָמיל (קיעווער גובערניע), אין אַן אָרעמער אַרבעטער־משפחה, נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט די משפחה, וואָס האָט מיט גרויס ענטוזיאַזם אויפגענומען דאָס נייע לעבן, זיך אַריבער געקליבן קיין קיעוו. רבקה האָט פרי אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ פאַבריק. דאָרט האָט זי אָנגעהויבן דיכטן. דאָס פּריוואַטע לעבן האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. ניט האָבנדיק קיין לעבנסדערפאַרונג, און זייענדיק אַן אָפנהאַרציקע, האָט זי אָפּט מאָל געטיילט זיך מיט אירע קריטישע באַמערקונגען און אומצופרידנהייט פונעם סאָוועטישן געזעלשאַפטלעכן שטייגער. דערפאַר טאַקע האָט מען זי באַשולדיקט אין "שנאה צום סאָוועטישן רעזשים" און "פאַרראַט", נאָך יאָרן פון פּייַנלעכע און שענדלעכע אויספאָרשונגען איז זי פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. זעקס יאָר האָט זי אָפּגעשוואָרצט אין אַ סטאַליניסטישן שטראָף־לאַגער. ניט געקוקט אויף דעם האָט זי געשריבן און פאַרקריצט אין זכרון צאַרטע לירישע לידער, פולע מיט ליבשאַפט און ראָמאַנטישקייט. נאָך דעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט אַ היים קיין קיעוו גיט זיך איר איין אַרויסגעבן אין אוקראַאינישער און אין רוסישער איבערזעצונג אַ ריי לידער־ביכלעך, און ווען ס'איז דערשינען דער יידישער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" (1961) באַווייזן זיך אירע לידער אין יידיש.

אין 1976 איז ריווע באַליאַסנע, צוליב אַ לאַגער־חברטע (אַ קראַנקען־שוועסטער), וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן דעפּרעסיוו־פּאַראַנאָידנעם צושטאַנד, געקומען קיין מאָסקווע און געבראַכט אַ בריוו פון דעם יידישן שרייבער, הערשל פּאָליאַנקער ע"ה, וואָס איז אָפּגעזיצן 7 יאָר אין דעם זעלבן לאַגער. ער און זי האָבן מיך געבעטן פּאָרן קיין קיעוו באַטראַכטן און העלפן די קראַנקע, זייענדיק אין לאַגער, אָפּטמאָל, ריזיקירנדיק מיט איר לעבן, האָט זי געהאָלפן און געראַטעוועט זיי פון טויט. איך האָב ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן, און אַ שבת און אַ זונטיק האָב איך פאַרבראַכט מיט זיי ביידע און, באַזונדערס מיט ריווען. אין איר היים האָט ריווע שעהן לאַנג גערעדט וועגן פאַרשיידענע טאַלאַנטפולע און גוטהאַרציקע לאַגער־חברים, וועגן יידישע פרויען – ליטעראַטן און דיכטערינס, וואָס האָבן אין יענע אוממענטשלעכע באַדינגונגען אָנגעהויבן צו דיכטן און שאַפן בעל־פה אויף יידיש.

וועגן זיך גופא, וועגן אירע אייגענע איבערלעבונגען אין די טערמעס און אין די לאַגערן האָט זי ניט געוואָלט רעדן: "שוין צופיל מאָל וועגן דעם אויסגעוויטיקט. וואָס דערציילן? - איר האָט דאָך שוין וועגן דעם געלייענט. מער וויכטיק איז, מענטשן זאָלן וויסן וועגן די איבערלעבענישן פון שרייבערס און דיכטערס, ווי עס איז זיי אויסגעקומען צו קריצן מיט די ציין און פאַרקריצן אין זיכרון דאָס דיכטן. אָפט פלעגן די פערזן אויפטויכן אין די שלאָפלאָזע נעכט. נאָר ווי זיי פאַרשרייבן? - מיט האָרנאָדלען - אויף די ווענט! און דערנאָך זיי אַריינשטופן אין זיכרון. דאָרט זיי שליפן און פאַרקריצן אויף אייביק, קיינער זאָל זיי שוין ניט געפינען".

ריווע האָט ניט אויסגעהאַלטן מיין עקשנותדיק און עזותדיק בעטן. מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ רחמים קול האָט זי אָנגעהויבן רעציטירן:

...ס'איז נאָר פון איינזאַמקייט געקומען די שולד.
כ'בין ווייט ניט לייכטזיניק, כ'בין פשוט ניט געשולט.
איך זאָל אַ דורכגייער אַריינשלעפן אין האַרץ.
איך האָב געדולדיק געוואַרט...
ס'איז נאָר פון איינזאַמקייט געקומען די זינד
גאָט מיינער! כ'בין דאָך ניט קרום, ניט בלינד!
דעם אמת בלויז איך בעט אַצינד:
האָסט צופעליק געעפנט די טיר!
און ליפּן דיינע האָבן אויף געלייגט
ווען האָסט אַזוי מיך איבערגעצייגט,
אַז יעדער קער פון מיין נשמה איז דיר נאָענט,
אַז ס'קלאַפּט מיין האַרץ לעבן דיינס! שפּעט אין אָוונט"...

ריווע האָט פלוצעם אויפגעעפנט די אויגן, זיי אָנגעצילט צו איינעם, וועלכן נאָר זי האָט אין דעם מאָמענט געזען פאַר זיך, און האָט ברוגז געפרעגט:

פאַרוואָס, פאַרוואָס האָסטו מיך אָנגערופן קינד?
אַ קינד פאַרפירן איז די גרעסטע זינד!...

זי האָט פאַרענדיקט, פאַרביסן איר ציטערנדיקע אונטערשטע ליפּ. געציטערט האָבן אויך אירע אומרויקע הענט. צוויי קרישטאָל־טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע איינגעפאַלענע באַקן. און זי האָט שטיל געשעפּטשעט:

-דאָס איז אַלץ, מיין טייערער יונגער פריינד - פּסיכיאַטער, פאַרגעדענקט:
-"אָפּנאַרן אַ קינד איז די גרעסטע זינד"!

פון יענעם טאָג איז איר איבערגעבליבן צו טראָגן אין זיך די באַליידיקונג, וואָס האָט אָפּגעעסמט איר גאַנץ לעבן, נאָר עטלעכע יאָרן. שטיל, איינזאַם, באַגלייט פון עטלעכע לאַגער־חברטעס, חברים און פריינד, איז זי אַוועק אין דער אייביקייט.

* * *

ליובע וואַסערמאַן. געבוירן 1905 אין אַן אָרעמער אַרבעטער־פאַמיליע אין פּוילישן שטעטל סלאָוועטשיטש. צו 18 יאָר ווערט זי אַ מיטגליד פון דעם שומר הצעיר, גייט אַדורך הכשרה און צו 20 יאָר איז זי עולה קיין פּאַלעסטינע, בויען דאָס יידיש לאַנד. דאָרט אַרבעט זי ווי אַ דינסט, דערנאָך אויף שאָסיי־בויונג. און ווען איבער דער וועלט האָט זיך צעטראָגן דער נאָמען ביראָבידזשאַן, פאַרלאָזט זי אין 1933 איר פּאַלעסטינע־היים און לאָזט זיך אַוועק קיין ביראָבידזשאַן. אויף דער שיף, וואָס פירט זי צו דעם נייעם לאַנד באַקענט זי זיך מיט דעם אַרגענטינער אַרטיסט משה בענגעלסדאָרף, זיי פאַרליבן

זיך און האָבן דערנאָך חתונה. אין אַ יאָר אַרום ווערט ביי זיי געבוירן אַ יינגעלע, סערגאָ. די משפחה לעבט און אַרבעט אין ביראָבידזשאַן "אין פרייד און נאָך מער אין לייד" ביז 1949.

אָנהויבנדיק פון 1937, פאַלן משה און ליובע אַריין אין די נעצן פון דער נ.ק.וו.ד. (קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענייִנים). די מחבלים קאָנען ניט באַנעמען "צוליב וואָס קאָנען האָבן צוויי יידן, ציוניסטן דערצו, פאַרלאָזן זייער היימלאַנד"? - "ניט אַנדערש ווי שפּיאָנען". 12 יאָר ציען זיך די אויספאָרשונגען. ניין! - ניט בייטאָג. אין די אָוונטן, ווען די האָרעפאַשניקעס זענען שוין געשלאָפן, פלעגט קומען צו זיי דער "וואָראָן" (אַזוי האָט מען גערופן דעם שוואַרצן אויטאָמאָביל, וואָס פלעגט פירן אַרעסטאַנטן און פאַרדעכטיקע) "און פירן זיי צו דער עקדה - צו אויספאָרשונגען-פאָדערונגען צו דערציילן, "דעם אמת" "ווער האָט זיי געשיקט אַהער מיט פאַרברעכערישע צילן"? נאָך דעם, ווען זיי פלעגן זיך חתמנענען, אַז זיי וועלן קיינעם ניט דערציילן וועגן די "שמועסן", אויסגעמאַטערטע, ווען ס'האָט שוין גענומען טאָגן, פלעגן זיי זיך אומקערן אַהיים, אָפּט - צום וויינענדיקן קינד. סוף כל סוף, ווען אין ביראָבידזשאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסעווע אַרעסטן, איז אויך ליובע אַרעסטירט געוואָרן. אין די טערמעס און אין די לאַגערס ווערט זי געפּייניקט, אָפּטמאָל ווערט זי אַריינגעוואָרפן אין די קאַרצערס - "קבר־גרובן", ווו ניט קיין בעטל, נישט קיין בענקל - נאָר 4 ווענט און אַ צעמענטענער דיל. דאָרט איז זי געוואָרן אַלט און קראַנק, אָבער מאָראַליש ניט צעבראָכן. אויף די זידלערייען -"היי! דו אַלטע זשידאָווסקע זונה" - פלעגט זי רויק ענטפערן: "מיך רופט מען ליובע וואַסערמאַן, וואָס באַטייט "ליבע", פון וועלכער איר האָט קיין אַנונג נישט".

אין די שלאָפלאָזע נעכט, געהיים אויף ברעקלעך פּאַפּיר פאַרשרייבט זי שורעלעך און פאַרבאַהאַלט זיי אין פאַרשיידענע שפּאַרונעס. דערנאָך פלעגט זי זיי צונויפקלייבן און צונויפשטעלן, און מיט, נאָר איר באַוווסטע וועגן, שיקט זי זיי אויף דער פריי. אַזוי האָט זיך פאַרהיט ליובע וואַסערמאַנס ליד, ("וועגן שמואל האַלקינס ליד "טיפע גריבער, רויטע ליים"), פאַרפאַסט אין 1952 און אַוועקגעשיקט צו שמואל האַלקינען, וועלכער האָט געשמאַכט אין אַ בשכנותדיקן לאַגער. און אָט איז די ליד:

"מיין צעל איז פינצטער, גליטשיק ענג,
היילן פיר ווי אַ קבר־גרוב.
איך האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ היים
דריקט מיין קאָפּ רויטע ליים
רויטע ליים, גרויע ליים
פאַרבייט מיר איצט מיין ליבע היים" (...)
"מיט יאָרן שפּעטער כ'ווייס שוין קלאָר,
עס וועט מיר זוכן מיין זון סערגאָ
אין סיבירער טייגע, צווישן הויכע בערג,
געפינען וועט ער אַ בערגל ליים
דעם קאָפּ איינגעבויגן, אין אויג אַ טרער,
וועט ער וויינען, ניט פרעגן מער.
זאָגן בלויז מיט גרויסן חידוש:
"מיין מאַמע ליגט באַגראָבן דאָ,
ווייל זי האָט געזונגען אין יידיש" (סאָוועטיש היימלאַנד, 1990, נומ' 8. ז' 56)

וויפל צייט און מיט וועלכע גאַטס וועגן האָבן געבלאָנדזשעט די פּערזן ביז זיי האָבן געפונען דעם אַדרעסאַט, ווייסט ניט קיינער. ס'איז אָבער באַוווסט, אַז שמואל האַלקין האָט זיי באַקומען און האָט אויף זיי געענטפערט אויך מיט אַ ליד:

„ניין! אויף אַזאַ מין בריוו מען ענטפערט ניט אין פּראָזע.
דאָס האַרץ אַליין שלאָגט אַרויס דעם ערשטן פּערז:
פון גליק – פון גליק, וואָס האָט אונדז לאַנג פאַרלאָזן
דיין בריוו אַ פינקלדיקע טרער"(...)
'ס'האָט אַלץ פון אונדז גערויבט דער גזר
די היים, די פריי, אַלץ וואָס ליב און טייער.
דאָס אַלץ איז בייגעשטאַנען די געפאַר.
נאָר איינס איז אַרויס פון פייער:
די פריינדשאַפט אונדזערע – די בריוו ז'פון איר אַ גרוס!
זיי זשע אויך געגרוסט מיין פריינד, און ווייס:
ליידן האָבן אויך אַ שלוס.
די בייזסטע גזרות גייען אויך פאַרביי!"

(נאָוועמבער 1955, נומ' 019, טיישעט לאַגער)

אין לאַגער האָט ליובע וואַסערמאַן פאַרפאַסט איבער פיר הונדערט לידער. אַלע זיי זענען אָפּגעליגן אַ סך יאָרן אין ביכער־פאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל". דערנאָך זענען זיי איבערגעגעבן געוואָרן מיר, איך זאָל זיי אויסרעדאַגירן און אַריינשטעלן אין זאַמל־בוך "איניינעם", (ער איז אַרויס אונטער מיין רעדאַקציע און צונויפשטעלונג אין 1988), אָבער דער יידישער צענזאָר האָט איבערגעטראַכט און אָנשטאָט ליובע וואַסערמאַנס לידער, זענען אַריין די דערציילונגען פון דעם פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פון "סאָוועטיש היימלאַנד".

אין 1956 האָט דער דיכטערינס זון סערגאָ בענגעלסדאָרף (לעבט אין קעשעניעוו און פירט אָן מיט דעם יידישן מוזיקאַלישן קרייז) געפונען זיין מאַמע אַ לעבעדיקע, נאָר אַ ביז גאָר קראַנקע, ער האָט זי צוגענומען אַהיים קיין קעשעניעוו, וו זי האָט פאַרענדיקט איר לעבן און באַערדיקט געוואָרן אויפן יידישן בית עולם.

שווער איז אויך געווען דאָס לעבן פון די סאָוועטישע יידישע דיכטערינס – שיפרה כאַלאָדענקאָ, און דבורה כאַראַל, די שוועסטער פון די צעשאָסענע דוד האָפשטיין און קרובה פון דוד בערגעלסאָן, זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן אויף 10 יאָר אין די הרי חושך.

שיפרה כאַלאָדענקאָ, געבוירן אין 1909, אין קאָראָסטישעוו (זשיטאָמירער גובערניע), אין אַ משפחה פון ערד־אַרבעטער, די יינגסטע שוועסטער פון דוד האָפשטיין, אויף וועלכן זי פלעגט שטענדיק קוקן ווי אויף אַ וווּנדער. פון אים האָט זי צום ערשטן מאָל דערהערט, ווי "יידישע ווערטער גראַמען זיך אין לידער". נאָר אַ פּאָר זמנים זיך געלערנט ביי אַ מלמד. ער האָט זי אויסגעלערנט לייענען יידיש און רוסיש. פרי האָט זי אָנגעהויבן "נאָכמאַכן" דודן, גראַמען ווערטער, און ענטפערן אויף דער מאַמעס פראַגן מיט געגראַמטע פערזן. די עלטערן פלעגן קוקן אויף דעם ווי אויף אַ קינדער־שפּיל. אין גיכן, אָבער, באַווייזן זיך אין די צייטונגען אירע קליינע לידעלעך, מיניאַטורן, וועלכע שמעקן מיט אויפגעאַקערטער ערד, מיט ביימער, וואַסער, שניי און מיט פאַרטייעטע טענער, קלאַנגען פון וואַלד, פון קוואַל און בלעטער־שאָרך.

אין 1970 האָט נאָטע לוריע ז"ל איינגעלאַדן מיך און מיין פרוי צו זיך קיין אָדעס און איינגעאָרדנט אין אָדעסער "אָפּרו־הויז פאַר שרייבערס". צווישן פאַרשיידענע

אויסגעפּוצטע פּרויען, האָט זיך אויסגעטיילט איינע מיט אַ פּנים פון אַ פּויערטע, מיט גלאַטע, פּשוט פאַרקעמטע האָר, אָנגעטאָן אין אַ ברייט קלייד. ווען איך האָב אַ פרעג געטאָן נאָטען, ווער איז זי די דאָזיקע פרוי? האָט נאָטע כיטרע אַ שמייכל געטאָן: - דאָס איז אַ זייער באַוווסטע "פּויערטע", אַ סטאַכאַנאָווקע - האָט נאָטע מיר אַריינגערוימט אין אויער - זי שרייבט לידער אויף יידיש, שיפרה רופט מען זי, זי איז בסך־הכל דוד האָפשטיינס אַ שוועסטער. ער האָט מיך באַקאַנט מיט איר. פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר כמעט יעדער טאָג שמועסן - הערן אירע צאַרטע לידער, וועלכע זי האָט גערן געלייענט. ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן זי און קוקן אויף איר. איר אָפן פּנים פלעגט שטענדיק פאַרבלייבן פּשוט און נאַטירלעך.

זייענדיק אין קיעוו, האָב איך באַזוכט שיפרהן. איר דירהלה, אַ קליינס, נאָר ציכטיק, אַ ריינס, וואָס האָט דערמאָנט ח.נ. ביאַליקס פערזן: "ביתי דל בלי הדר ופאר / אַך חום בו יש ופתוח לגר" / ("מיין שטוב איז אָרעם, אָן שום פּראַכט און שיינהייט / נאָר וואַרעם ס'איז / און אָפן פאַר יעדן פרעמדן").

שפרה כאַלכדענקאָ האָט זיך ניט געניייטיקט אין קליינבירגערלעכע אינטעריערן. זי גופא האָט באַשיינט איר דירהלע. זי האָט קיין מאָל זיך ניט געקלאָגט, ניט געבעטן פאַר זיך קיין שום טובות. זי איז געווען אַ שמחה בחלקה. נאָר איין דאגה האָט זי געהאַט - אַרויס ברענגען דאָס, וואָס ס'איז אין איר האַרץ און אין מוח פאַרבאָרגן:

"אָ גאָטעניו! גאָט! איך ווייס - ביסט נישטאָ.
איך בעט אויף אַ ווײַלע - זאָלסט ווערן
ניט ענטפער מיר "ניין", ענטפער מיר "יאָ"
נאָר פּרווו מיינע טעג מיר פאַרמערן"

די ווייטערדיקע שורות זענען ביז גאָר רירנדיק - די דיכטערין טראַכט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן די וואָס וועלן קומען נאָך איר. שיפרה כאַלאָדענקאָ פאַרבייט ניט קיין מאָל דעם מין. יעדע שורה אירע איז ווייבלעך, מוטערלעך, צאַרט. נאָר אַ פרוי האָט געקאָנט אויסדריקן אַזוינע געפילן: "ס'איז קלאָר מיר אַצינד: / פון צייללאָזער שפּיל / געוואָרן אַ ציל, / געבאָרן אַ קינד" /; - דאָס איז אַזוי אומשולדיק, רירנדיק, פאַרטרוילעך און אַזוי רעאַליסטיש - "מיט שיטערע האָר, / די יאַסלעס אָן ציין / און איינס איז מיר קלאָר / ס'איז וווּנדערלעך שיין" /.

שיפרהס ווערטער גייען פון האַרצן. אַלץ איז באַפליגלט מיט פּשטות, מיט צאַרטער מוטערלעכקייט. אירע לידער זענען קורץ און דורכזיכטיק, אין געציילטע שורות קאָן זי אויסדריקן, וואָס עס מאַטערט איר, וואָס איז פאַרלאָפן און פאַרגאַנגען:

| | |
|---|---|
| "די יאָרן, די יאָרן | דאָס גאָלד פון פאַרטאָגן |
| פון זינט כ'בין געבאָרן | אין האַרץ כ'האָב געהאַלטן |
| זיי גייען, זיי שלאָגן. | דאָס גאָלד פון פאַרטאָגן |
| זיי יאָגן און יאָגן. | דער טוי פון קאַיאָרן |
| ווי זאָל איך זיי צוימען, | זיי לויפן, זיי יאָגן |
| ווי זאָל איך זיי האַלטן | און ווערן פאַרלאָרן. |

אין 1974 איז שיפרה כאָלאָדענקאָ אַוועק אין אייביק־אייביקן אַנטראַקט.

* * *

דבורה כאַראָל, געבוירן אין 1906, אין אוקראַנישן דאָרף אַכרימאָווקע, איז געווען דוד בערגעלסאָנס עלטסטער שוועסטערס אַ טאָכטער. פון קינדוווייז אָן איז זי געווען

אונטער זיין השפעה, דאָס האָט ער אויסגעלערנט זי לייענען יידיש און אויך דיכטן. פון איר מוטער (דודס שוועסטער) און אויך פון דער באָבען האָט דבורה כאַראַל גערשנט צאַרטקייט, בענקשאַפט צו אַ שיין דערהויבן לעבן, רחמנות און ליבע צו יעדן בעל־חי - צו דער באָבעס ציגעלעך, הינדעלע, ענטלעך און צו די טויבן:

ס'איז אונדזער ליבע באָבעניו
געהויקערט שוין און אַלט
ווילט איר זען די באָבעניו,
טאָ קומט מיט אונדז אין וואַלד.

און מעלקט עס דאָ אין וואַלד
אַהיים איז ווייט דער וועג.

און אויב אייך ווילט זיך וויסן נאָך,
פאַרוואָס איז צו דעם ציגעלע
איר ליבע אַזוי גרויס,

אין וואַלד זי פיטערט ס'ציגעלע
איר איין און איינציק ציגעלע
וואָס איז איר גאַנץ פאַרמעג.
זי נעמט מיט זיך דאָס קריגעלע
דאָס קריגל פאַר דעם ציגעלע

פאַר וויס געדיכטן פעלעכל
און פאַר דעם ליבן קעלעכל,
און אויך פאַר פולן קריגעלע
מיט מילך. טאָג איין טאָג אויס.״

דער באָבעס בילד באַגלייט זי אומעטום - אין ליידן און אין פריידן. די באָבע פיגורירט אין אַ סך לידער, וועלכע דבורה האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן צו 16 יאָר.

דבורה האָט איר גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דודן און זיין פאַמיליע. אירע ערשטע לידער פלעגט זי לייענען פאַר אים, און נאָך זיינע אויסבעסערונגען פלעגט זי זיי באַהאַלטן אין שופלאַד, נאָר נאָך זיין טראַגישן טויט און רעהאַביליטאַציע, ווען דוד בערגעלסאָנס פאַמיליע האָט זיך אומגעקערט פון דער פאַרשיקונג, האָבן זיך באַוויזן אירע לידער אין אוקראַיִנישער איבערזעצונג. אין 1962 האָט דבורה אָנגעהויבן שיקן אירע לידער אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״. אין דעם דאָזיקן זשורנאַל האָבן זיי זיך געדרוקט פון צייט צו צייט. יעדע ליד אַ שעדעווער. דאָס רוב לידער האָט דבורה געשריבן פאַר קינדער. זי איז געווען די איינציקע יידישע קינדער־דיכטערין, און יעדעס ליד האָט זיך געבעטן אויף מוזיק:

...צוויי ענטעלעך
האָבן זיך צעקריגט,
דאָס וואַסער
אין דער סאַזשעלקע צעוויגט״ (...)

״שטייען ענטלעלעך צוויי
און אַ וואָרעם צווישן זיי
יעדעס ענטעלע צו זיך
ציט אים אומגעריכט״ (...)

״ווען עמענס אמת? וועמענס, וועמענס?
גיי דערגיי באַ זיי דעם אמת.״

אַ היפּשע צאָל לידער האָט דבורה כאַראַל אויסגעזונגען פאַר אונדזערע תינוקות של רבן, און לדאבוננו הגדול, צו אונדזער גרויסן באַדויערן, זענען שוין נישטאָ (אָדער כמעט נישטאָ) קיין מאַמעס, וואָס זאָלן זינגען די פּרעכטיקע לידער פאַר קינדער.

אין 1984 האָט זיך דבורה געזעגנט מיט אירע ציגעלעך, ענטעלעך און מיט די אומשולדיקע קינדערלעך, וועלכע זי האָט אַזוי געליבט; - זיך געזעגנט... אויף אייביק.

* * *

רחל בוימוואָל, געבוירן 1914, האָט פאַרנומען אַן אָנזעעוודיק אָרט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור בכלל און אין דער יידישער, בפרט. זי האָט אַ לאַנגע צייט געשריבן דערציילונגען פאַר קינדער אין רוסיש. (״איך האָב אַ סך געשריבן אין רוסיש / און מער נאָך געשוויגן אין יידיש״). זייענדיק אַ מיטגליד פון דעם סאָוועטישן שרייבער־פאַריין, האָט רחל בוימוואָל קיין מאָל ניט געשריבן קיין דיפעראַמבן דעם

"פֿאָטער פֿון אַלע פֿעלקער". זי האָט זיך שטענדיק אויסגעטיילט מיט איר אומאָפּהענגיקייט, וואָס האָט אין יענע שווערע יאָרן פֿון באָלשעוויסטישן רעזשים געגרענעצט מיט העלדישקייט. זי איז שטענדיק געווען אין דער אָפּאָזיציע צום זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד". דער הויפּט־רעדאַקטאָר, פֿאַר וועלכן אַלע שרייבער און מיאַרבעטער האָבן געציטערט, האָט געהאַט פֿון איר צו זינגען און צו זאָגן. דערפֿאַר האָבן אירע שאַפֿונגען זייער זעלטן דערזען די שיין אין דעם זשורנאַל.

רחל בוימוואָל האָט געהאַט אַ פֿיינלעך שווער לעבן. איר זון יוליוס איז געווען אַן אַקטיווער קעמפֿער פֿאַר מענטשנרעכט און האָט אַ סך געליטן פֿונעם סאָוועטישן רעזשים. ס'איז אַ וווּנדער, וואָס זי האָט אויסגעהיט אין זיך איר געזאַנג, איר קינדערישע פֿאַרחידושקייט פֿאַר וועלט און מענטש פֿאַר גראָז און בלעטל. זי זינגט:

"...איך ווייס, אַז פֿאַראַן זיינען שטאַרקע זאַכן,
נאָר איך וועל זיך פֿון דעם ניטוויסנדיק מאַכן.
מיט טרערן וועל איך אין די אויגן באַווייזן,
אַז איך בין פֿון אייזן, אַז איך בין פֿון אייזן".

לאַנג, זייער לאַנג האָט מען נישט דערלויבט רחל בוימוואָל זיך טרעפֿן מיט דעם יידישן לייענער. און ווען דער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַקומען אַן "אָנווייזונג" פֿון די הויכע אינסטאַנצן צו אָרגאַניזירן אַן אָוונט פֿאַר אַ באַגעגעניש מיט די יידישע לייענער, האָט זי באַקומען די מעגלעכקייט זיך אָפּרעדן פֿונעם האַרץ און לייענען פֿאַרן עולם אירע אָפּנהאַרדיגע לידער:

"ניט גערעדט מיט דיר מיין לייענער / און איך האָב געשטומט ווי אַ פֿיש / און איך האָב ווי אַ שלאַנג געשוויגן, / ווי אַ באַרגטייכל דורכזיכטיק פֿריש / האָט זיך געצויגן מיין ניגון, / נאָר אין וועג איז געליגן אַ שטיין / -איז ער געווען ניט איינער. / איך גלויב דו ווייסט פֿאַרשטיין / און ניט וואַרפֿן אויף מיר קיין שטיינער / דו ביסט אַ מבין אויף אַלץ / אויף שיינעם און ניט שיינעם / מיר האָבן ניט איין פֿוד זאַלץ / אויפֿגעגעסן איניינעם / -טאָ פֿאַרוואָס האָט געמאַכט אַזוי / אַז מיר זאָלן זיך שיידן? / ווער האָט אונדז געמאַכט אַזוי גרוי / מיך און דיך ביידן?"

ווען די דיכטערין האָט פֿאַרענדיקט איר עלעגיע, האָט זיך אין זאַל אויף אַ ווײַלע איינגעשטעלט אַ טויט־שטומע פּאַוזע, נאָך וועלכער די צוהערער האָבן זיך מיט אַ מאָל אויפֿגעריסן פֿון די ערטער און שטייענדיק לאַנג אַפּלאָדירט מיט פֿרייד און טרערן אין די אויגן, נאָך דעם ווי דער עולם האָט זיך באַרויקט איז געקומען דער פֿיינלעכער חשבון־הנפש פֿון דער דיכטערין:

/"דאָרט אין דער טיף ביי מיר - לידער געטויטע, / הענגען אויף תליה, פֿון גלייכגילט געבויטע, / ליגן אין גריבער דורך צווייפֿל געגראָבן. / ס'פּיקן זיי טרערן ווי פֿינצטערע ראָבן".

און פֿון ווייטיק, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווענדנדיק זיך צו די צוהערער, שרייט די דיכטערין: /"לאָזט אויף דער שוועל מיך נישט שוועסטער און ברידער, / איך בין דער מערדער פֿון אייגענע לידער...)

רחל בוימוואָל איז געקומען קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם באַוווּסטן פּאָעט זיאַמע טעלעסין אין 1972. אויף דער אוראַלטער און שטענדיק פֿרישער יידישער ערד האָבן שטאָלץ אַ קלונג געטאָן אירע באַפֿרייטע פֿון דער שווייג־טורמע יידישע לידער, וועלכע דערשיינען עד היום רעגולער אין אַלע אויטאָריטעטע יידישע זשורנאַלן

און אַלמאַנאַכן. אין ישראל האָט די דיכטערין פֿאַרגעזעצט דעם בייטראָג פֿון פֿרויען אין דער יידישער ליטעראַטור. די לידער זענען עכטע, פֿאָלקסטימלעכע, אָפּט פֿאַרכאַפּן זיי מיט זייער נייקייט, אימאַזשן, פֿאַרקריצן זיך אין זיכרון. רחל בוימוואָל איז אַ דיכטערין פֿון ליכט, זי האָט ליב די מענטשן און ברואים, וואָס גייען אַרום אין דעם ליכט "די שענסטע רירנדיקסטע לידער זענען געווידמעט ארץ ישראל" (העשל קלעפּפיש). איר פּאָזיטיווער קוק אויפֿן לעבן איז דאָ ביי איר "אַפילו דאָרט ווו עס גלימצט אַ טרער"

מיט אַ יאָר צוריק איז אויסגערונען איר לעצטע טרער.

* * *

דאָרע כייקינע, די יינגסטע פֿון די סאָוועטישע פֿרויען דיכטערינס, לעבט און פֿאַרבלייבט טעטיק (עד מאה ועשרים) אין ארץ ישראל. געבוירן אין 1917, אין טשערניגאָוו (אוקראַינע). צו 14 יאָר האָט זי אָפּגעדרוקט איר ערשטע ליד. אין 1935 האָט זי חתונה געהאַט פֿאַר דעם סאָוועטישן שרייבער יחיאל פֿאַליקמאַן ע"ה. אין 6 יאָר שפּעטער, אין די ערשטע טעג פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פֿרייוויליק צוזאַמען מיטן מאַן אַוועק אויפֿן פֿראָנט, גענומען אָנטייל אין די בלוטיקע קאַמפֿן מיט די היטלערישע האָרדעס. נאָך דער מלחמה האָט זיך דאָרע כייקינע מיט איר מאַן אומגעקערט קיין קיעוו. דאָרט געבוירן 3 קינדער (זאָיע, מיליע און דימע), איינצייטיק געשאַפֿן נייע (ס'רוב פּאַטריאָטישע) לידער. אין די שרעקלעכע יאָרן פֿון דער שחיטה פֿון יידיש, ווען ס'זענען חרוב געוואָרן אַלע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן, איז דאָס פּאָרפֿאָלק פֿאַרבליבן אָן אַרבעט. נאָר נאָך סטאַלינס פּגירה, ווען דאָס יידישע וואָרט האָט ווידער גענומען אויפֿלעבן, האָבן זיך ווידער באַוויזן דאָרע כייקינעס לידער און אויך אירע דערציילונגען און נאָוועלן, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן גרויס אינטערעס ביי די לייענער. איר דיכטונג איז מערסטן טייל איידל און באַחנט, שטענדיק אָנגעזעטיקט מיט לעבן, מיט נאַטירלעכע מענטשלעכע ליידן און פֿריידן, מיט פּיין און מיט שטרעבן דערגרייכן דאָס געווונטשענע. מאַמעדיק וואַרעם, פֿרויש און צאַרט זענען די פֿערזן, פֿאַרפֿאַסטע ווען זי איז געווען מעוברת און זיך געגרייט צו געבוירן:

"...איך פֿיל זיך שוין היינט ווי אַ מאַמע,<br>
ס'איז מערער, ווי זיין נאָר אַ ווייב,<br>
איך האָב עס היינט פֿאַרשטאַנען,<br>
ווען קינד כ'האָב דערפֿילט אין מיין לייב" (...)

..."איך האָב קיין מאָל פֿאַר זיך ניט געציטערט<br>
און כ'בין טייער ביי זיך ניט געווען.<br>
נאָר איך דאַרף איצט מיין קינד דאָך פֿאַרהיטן,<br>
אַז קיין שלעכטס זאָל מיט אים ניט געשען.<br>
פֿיל איך זיך שוין ווי אַ מאַמע.

כייקינע איז געווען איינע פֿון די "פּרומסטע" יידישע מיטגלידער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַ ריי לידער זענען געווידמעט דעם גליקלעכן לעבן אין סאָוועטן פֿאַרבאַנד און דער אוקראַינישער ערד, איר נאַטור און אירע מענטשן. דערפֿאַר טאַקע האָט זי לאַנג, זייער לאַנג ניט געקאָנט אָננעמען אַ באַשלוס צו עמיגרירן - פֿאַרלאָזן איר היימלאַנד. דאָך, אין 1982 איז זי עולה געווען.

פֿאַמעלעך מיט שטילע און ניט געיילטע טריט שפּרייזט זי אַריין אין דעם נייעם ישראלדיקן לעבן, אין די ישראלדיקע און אין אויסלענדישע זשורנאַלן באַווייזן זיך אַלץ

(המשך אויף ז' 43)

פיניע פלאָטקין

# פון מיינע נישט־פאַרעפנטלעכטע מלחמה־לידער

## אומשטערבלעכקייט

אין אַ דאָרף לעבן רזשעוו, צווישן טאָפּאָלן צוויי
איז דער שלאַכטמאַן געלעגן, שטאַרק פאַרקלעמט די ציין.
מיר זיינען געשטאַנען לעם אים און געוויינט,
שטיל געוויינט, אַז די טרערן זאָל קיינער נישט זען.
דריי אַרשין ערד און אַרום־און־אַרום
ליגט אַ טרוקענער שניי, בלאָזט אַ ביטערער ווינט -
דאָס איז אַלץ, וואָס אים פון דעם ערדקיילעך קומט,
וואָס ער, אַ געווינלעכער מענטש האָט פאַרדינט.
נישט ווייט האָט זיך העלדיש פאַרטיידיקט די שטאָט,
אַוועלכע אַ שרעקלעכן אויסזען ט׳געהאַט...
איך מיין, אַז דער ערדקיילעך הויכט זיך אָן דאָרט,
ווו ס׳ליגט טיף באַערדיקט דער אַלטער סאָלדאַט.
רזשעוו, 1942

* * *

אויך היינט האָט זיך האַסטיק געטרייסלט די ערד-
דער שטורעם זיך אָנגעהויבן נישט נעכטן...
מיר זיינען אַריין אין דער שטאָט קעניגסבערג,
אַוועלכע די וועלט האָט געוווסט ווי אַ פעסטונג.
צעלעכערט, ווי אַ רעשעטע, היטלערס געשטאַלט
באַהאַלט זיך, ווי שמוץ, אין אַ כמאַרע אַ שוואַרצע.
לעם ראַטושע־פּלאַץ אַ געביידע צעצפּאַלט,
צוזאַמען מיט איר אויך זיין ווילדער פּרצוף.
איך נעם מיין ען־זע* און צעטייל אויף אַ האַלב -
דאָס געבליבענע - טיף אין אַ רוקזאַק באַהאַלט איך.
פאָריבער - אַ פאַרלאָזענער בית־הקברות בלייבט
און קברים פאַרגעסענע, און מצבות אַלטע.
פון איינגוס דער פיינט מאַכט אַנטשיידענע טריט:
אין אָנגריף פון צייט צו צייט גייט אַריבער.
און ס׳טוט מיך הנאה, וואָס איך - אַ ייד
אין דער פרייסישער הויפּט־שטאָט גיי אַרום אַ זיגער.
אַפּריל, 1945

* שפּייז־רעזערוו וואָס זעלנער נוצן בלויז אין אַ נויטפאַל.

דוד וואָלפּע / יאָהאַנעסבורג

# באַגעגעניש מיט אַ נאָמען

## א: קריקפּלי

צען יאָר צוריק האָב איך געמאַכט דעם נאָוואָטאָרישן עקספּערימענט פון אַ קריקוועג - טיטל פון אַ פּאָעמע, 1991 - צו אַ פּעריאָד פון די יונגע יאָרן. דאָס איז געווען אַן אימאַזשינירטע אויפלעב־רייזע אויפן אַלט־אויסגעפּאָרענעם טראַקט פון יבשה, מיטן אויטאָבוס און באַן, אויפן ים מיט אַ שיף, און אויך שפּאַצירן צו פוס. און פּאַראַלעל צו דעם האָב איך אונטערגענומען דעם לאַנגן זכרון־גאַנג פון כמעט דעם גאַנצן 20סטן יאָרהונדערט - איך און מיין וועלט. אָבער נאָך דעם אַלעם פּאַסירט אָפּט אַז פּלוצעם עפנט זיך אַ שפּעלטל אין דיינע פּאַרגעסענישן און בלייבסט שטיין וויזאַווי אַ נאָמען, צי אַ פּערזאָן וואָס איז פאַרשווונדן פון דיין האָריזאָנט. און אָט האָב איך עס אַנומלט איבערלעבט: אויספּאַקנדיק פּריש־שמעקעדיקע ביכער פון אַמעריקע, האָט מיר אין אויג אַריינגעבליצט אַ פּאַרטושטער נאָמען - דאָראַ טייטלבוים, און ס'האָט באותו רגע אַקטיוויזירט מיין זכרון־ראַקעט און קוים אַ שפּליטער פון אַ סעקונדע האָט געדויערט דער קריקפּלי. די געדעכעניש־לאַנדשאַפּט איז געווען פּראָזשעקטירט מיט אַ פאַנטאַסטיש ליכט און אַלץ האָט מיט אַ מאָל דינאַמיש אויפגעלעבט: אַ נאַטירלעכער געדענק־מעטאַמאָרפאָז. אין דער אָנגעלאָפּענער איילנדיקער רגע, איז גוט געווען ווידער צו שווימען אין די טייכלעך פון זכרון.

1990. דער אָקטאָבער־פּרימאָרגן שפּיגלט מיר אַריין אין די פענצטערלעך פון עראָפּלאַן אַ בלאָ־זוניקן ברוך־הבא, דער קאָליר פון מיינע יונגע טעג דאָ. און אָט שפּאַציר איך שוין אין די אַלט־באַקאַנטע גאַסן פון תל־אָביב. עס מאַכט קלאַפּן מיין האַרץ מיטן עכאָ פון אַן אויפגעוועקטן ווייטן ריטעם פון פאַרפלויגענע יאָרן. דער ניגון פון יונגשאַפט־חלומות באַגלייט מיך דאָ אומעטום, ווי אַ רעוואָלט קעגן דער צייט־כראָנאָלאָגיע. אָבער די רעאַליטעט איז פּיזיש אמתדיק, עדות די פּנימער פון חברים. אָט זענען זיי זיך צונויפגעקומען אויפן קבלת־פּנים פאַר מיר. איך בין געריהרט און צערודערט, און אויף אַ מאָל וואַנדערן מיינע עמאָציעס אַוועק פון מיר און איך בלייב ווי הינטער אַ מחיצה. איך קען פון דעם דאָרטן־צוים ניט אַרויס, נאָר איך הער זייערע רייד דאָ. די ווערטער בלאָנדזשען מיר אין מוח. איך זע די חברים ווי דורך אַ נעפּל: צאַנין, אַשעראָוויטש, יעלין, קאַפּלאַן - יעדער איינער אויף זיין שטייגער, מיט וואַרעמשאַפט, מיט חסד. און איך, ווי אין אַ פּלוצעם אָפּגעפּרעמדטער וועלט לייען מיינע לידער פאַר די פאַרזאַמלטע אין בית־לייוויק, און נאָך דעם מיין רעדע וואָס כ'האָב פאַר מיטאָג היינט אָנגעשריבן. און - פּלוצעם אויס... איך האָב אַפילו ניט געפילט דעם אויסלעש פון זכרון.

אַ זאָרגעוודיקע האַנט האָט מיך עטלעכע מינוט שפּעטער אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אין דער פאָדערשטער ריי, און כ'בין געווען דערשטוינט צו הערן אַ מעלאָדיש קול פון אַ פרוי וואָס לייענט מיינע לידער. איך בין געווען פאַסצינירט צו הערן "זיך" אין אַ פאַרוואַנדלטער געשטאַלט און מיט אַן אַנדער שטים. דאָס האָט מיר אויסגעוויזן מאָדנע, ווי אַן אויסדוכטעניש, און ס'האָט מיך ניט צו רו געלאָזט. האָב איך זיך צוגעקוקט מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשיילן אירע שטריכן: יע, ס'איז די וואָס כ'האָב זי נעכטן אָוונט באַקענט. האָב איך זיך צוגעבויגן צו

מיין שטול־שכן און שטיל, ווי אין ספק, געזאָגט: "זי איז דאָך... דאָרע..." ער האָט אונטערגעכאַפּט: "יע, דאָרע טייטלבוים", אין אַ שפּעט־נאַכטיקער שעה בין איך, מיט מיין גאַסטגעבער, ישראל קאַפּלאַן, געגאַנגען צו זיין דירה, מיין "טוריסטישע" קוואַרטיר אויף ככר מלכי ישראל. די לבנה־ראָמאַנטישע גאַסן האָבן רויק געדרעמלט. צום וויפלטן מאָל האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז אַזאַ פּאַסירעניש פון זכרון־אויסלעש טרעפט מיר דאָס ערשטע מאָל, און איך שעם זיך.. איך האָב אים נאָך געוואָלט דערציילן וועגן דער אילוזיע מיט דער רעציטאַטאָרין, ווי זי וואָלט געווען מיין דיבוק, אָבער ווי אויף צו להכעיס האָב איך ניט געדענקט איר נאָמען. אַמנעזיע, האָב איך געטראַכט מיט פאַרדראָס, אָט דאָס פעלט מיר נאָך אויס גראָד איצט. מיר האָבן געשפּרייזט מיט ברייטע גיכע טריט און ס'איז געווען קענטיק, אַז ביידע זענען מיר מיד און נערוועז. איך פון צו פיל פלאַפּלעריי, און ער, דער באַרעדעווודיקער ישראל, פון אַריינשווייגן אין זיך די רייד.

## ב: דאָרע טייטלבוים

דאָרע טייטלבוים, האָט מיר דער נאָמען אַ קלונג געטאָן איןביידע אויערן, ווי נאָר כ'האָב געעפנט די אויסגעשלאָפענע אויגן. אַ דערפרייטער טאַנץ איך אַראָפּ פון געלעגער, ווי כ'וואָלט פלוצעם אַ פאַרלוירענעם אוצר געפונען. אַ העלבלאָער הימל־ים כוואַליעט אויף דער אָפענער וועראַנדע, כאַטש נעם און באָד זיך אָפּ אין אים. אַ ווילע שפּעטער שוין, צו פוס צום הויז פון די יידישע שרייבערס. איך געדענק ווי צאַנין האָט מיר נעכטן פאַרבעטן: "וועסט זיין אונדזער ערנגאַסט; אַ פרייער כמו פרישטיק־שמועס, ווו יעדער רעדט וואָס און ווי ער וויל. און - איך וועל שווייגן" שמייכלט ער. דער זאַל געפּאַקט שוין. זשומט מיט רייד, מיט פרייד פון באַגעגענישן, הענט־דריקענישן, קושענישן. ס'טויכן אויף פאַרעלטערטע שטראַליקע פּנימער פון מער ווי פיר צענדליק יאָרן צוריק, פון דער שארית־הפליטה־עפּאָכע אין דייטשלאַנד. אין די פאַרשאָטנטע אויגן און צעקנייטשע באַקן לייען זייער צייט־מגילה. אַ גוטער חבר שטופּט מיך אַריין מיט גוואַלד אין געשלאָסענעם קרייז, אויבן אָן, און אונטער מיר, ווי דורך אַ כישוף, וואַקסט אויס אַ שטול. "אַ דאַנק!" ווינק איך שטום. "דיין מזל..." איך קוק זיך אַרום. ענג צוזאַמענגעקוועטשטע קרייזן, ווי באַוועגלעך לעבעדיקע רינגען וואָס הודזשען. אין דער ליידיקער זייט אַ טישל, אַרום אים צאַנין מיט עטלעכע זיינע חסידים. הינטער די זיצערס, אין די קרייזן, שטייען די שפּעט־געקומענע. אויף דער אָפענער בינע, איבער אַלעמען, מיין אַלטער חבר פון דער דייטשלאַנד־תקופה נאָך, שלמה וואָרזאָגער. ער פּרוווט איינשטילן דעם צעפּלאַפּלטן עולם, נאָר דאָס רוישן איז שטאַרקער. אַ קול קאָמענטירט מיר אין אויער אַריין: "דער שמש פירט היינט דעם טיש, אָבער ער האָט ניט דעם רבינס כוח..." אַז איך דריי אויס דעם קאָפּ צו זען ווער עס איז דער בעל־הקול איז שוין קיינער ניטאָ.

דער טומל הענגט געדיכט אין דער לופטן, ווי די אַטאָמישע ענגשאַפט אונטן. פלוצעם עפּעס אומגעווינלעך: איך האָב דערפילט ווי אַ קרוכלער קערפּער דריקט זיך דורך פאַרביי מיר, און מיין שכן הייבט זיך אויף מיט יראת־הכבוד פון זיין שטול און זאָגט: "איך האָב אָפּגעהיט דאָס אָרט פאַר אייך, מאַדאַם." אַ דערשטוינטער האָב איך אָנגעקוקט דאָס בילד, ווי אַ שפּיל פון אַ מאַגישן אַקט. זי האָט אים באַדאַנקט און שוין געזעסן ביי מיין זייט. אָנגעקוקט די פאַרשוינטע האָב איך אַרויסגעשטאַמלט פאַרוואונדערט: "דאָרע... טייטלבוים..." זי האָט אַן אויפגעמונטערטע עס באַשטעטיקט: "יע, יע, פּערזענלעך איך." צעטראָגן האָב איך געמורמלט: "גוט... גוט..." און זי האָט ווייטער גערעדט,

קוקנדיק מיר אין פּנים: "ווייל איך אויסנוצן די געלעגנהייט זיך מיט אייך דורכרעדן, דערציילן." און איך האָב שוין מער ניט געדאַרפט רעדן. זי האָט די גאַנצע צייט, ביז שפּעט נאָך מיטאָג, געטאָן די מויל־מלאכה. דערציילט וועגן זיך, וועגן אירע ליטעראַרישע דערפאָלגן, אויפנאַמעס און באַגעגענישן מיט וועלט־באַקאַנטע נעמען: פּאָליטישע פירערס און באַרימטע שרייבערס, וועגן אירע איבערגעזעצטע ווערק אין פיל אַנדערע שפּראַכן. ס'איז מיר געווען אינטערעסאַנט און ניי דאָס אַלץ צו הערן און פילן איר איינגעהאַלטענעם ענטוזיאַזם. זי האָט זיך גראַציעז אַרויסגעשלייערט פון איר, מיר אומבאַקאַנטער אידענטיטעט. דער איינדרוק איז געווען שאַרף און דער ספּעקטאַקל האָט מיך אַמוזירט. איך האָב בפירוש געפילט איר איבערצייג־כוח, ווי די אומפאַרגלייכיק פּערפעקטע "פאַרקויפערין" פון איר אייגענעם פירמע־פּראָדוקט פאַרן העכסטן פּרייז. נאָך אַ מינוטיקער אָטעם־פּויזע האָט זי געזאָגט: "די אַרטיקלען און נייעסן וועגן אייער דרום־אַפריקע און דעם ערשט באַפרייטן מאַנדעלאַ מאַכן דאָ פול די צייטונגען און איך לייען אַלץ. וועל איך גאָרנישט ניט פרעגן. נאָר כ'ווייל אייך געבן אַ מתנה, און אויך פאַר אים". און זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש 2 ביכער. דאָס זענען געווען דער תרגום פון "די באַלאַדע פון ליטל־ראָק" אין עברית. זי האָט גיך אויפגעשריבן דעדיקאַציעס, מאַנדעלאַן אויף ענגליש, מיר – העברעיש. אָבער ס'בוך פאַר מאַנדעלאַן איז עד־היום ביי מיר. ער איז געווען פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ און מתנות האָבן געפלייצט ווי אַ מבול. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געטראָפן אויף ככר מלכי ישראל, קעגנאיבער מיין קאַפלאַן־אַכסניא. און כמעט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געזעסן אויף בענק און גערעדט, שפּאַצירט אַרום און אַרום און גערעדט, אָבער דער עיקר – האָט זי עס געטאָן. פאַרנאַכט, קאַווע און קעזקוכן ערגעץ ווו. אין דרויסן זיך געזעגנט מיט אַ קוש„ און מער האָב איך זי ניט געזען.

## ג: אירע ביכער

9טער נאָוועמבער 90. פרייטיק פרי. צוריק אַהיים, אין יאָהאַנעסבורג. פון מיין האַנטטאַש נעם איך אַרויס אירע צוויי ביכער. אָבער דאָס איז מיר ווייניק, כ'ווייל וויסן מער וועגן איר. זוך איך אין דעם ביכער־אָנגעוואָרף. קוים געפונען נאָך צוויי: "די באַלאַדע פון ליטל־ראָק", די אָריגינעל־יידישע, אַרויס 1959 דורך "פּאַריזער צייטשריפט", און "ערב באַגינען", 1985, פאַרלאַג "ישראל־בוך". דאָס שטעלט שוין צוזאַמען אַ מער קלאָרן בילד פון איר דיכטערישער פּערזענלעכקייט. פון דעם דרינגט אויך אַרויס דער צוזאַמענפאַל פון דראַמאַטיש־פּאָליטישע דאַטעס, וואָס האָבן מזלדיק אַריינגעשפּילט פאַר דאָרען אין דער סינכראָניזאַציע בעתן פּובליקירן איר קינסטלעריש־געראָטענע און רעוואָלט־אָנגעלאָדענע עפּיק פון ליטל־ראָק. אין די 11 קאַפּיטלעך האָט זי ליריש רעפלעקטירט די ליידן און דעם העלדישן קאַמף פון דער שוואַרצער באַפעלקערונג אין אַמעריקע פאַר זייער הומאַניטאַרע רעכט. און גלייך דערויף, ווי רינגען 1960, 1961 און ווייטער – האָבן זיך צוגעקייטלט די איבערזעצונגען, אין רוסיש, פראַנצייזיש, ענגליש, כינעזיש א"אַ שפּראַכן. די אָנגעהיצטע פּאָליטישע אַטמאָספער פון דער קאַלטער מלחמה דעמאָלט, האָט געשאַפן די גינציקע קאָניונקטור און דער קאָמוניסטישער סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיינע סאַטעליטן, האָבן דאָרע טייטלבוים אויפגעכאַפּט ווי אַ ווילדע מציאה: איין קלייניקייט, אַן אַמעריקאַנערין קעגן אירע אייגענע ראַסן־פאַרסמטע אַמעריקאַנער מלחמה־העצערס. און דורך נאַכט האָבן זיך אַלע טירן פון מעכטיקע הערשערס און גרויסע שרייבערס דאָרטן געעפנט פאַר איר. און זי איז ענטוזיאַסטיש פאַרכאַפּט געוואָרן.

היינט, פון אַ צייט פּערספּעקטיוו, זעען מיר יענע פּאַרלויפּעניש אין איר אמתדיק ליכט: די פּאָעמע פון ליטל־ראָק איז געשריבן געוואָרן, אין אַמעריקע, מיט אַ לויכטנדיק געוויסן און פון ריינעם האַרצן, און ניט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־געצייג. בפירוש פילן מיר עס פון די גייסטיק־עמאָציאָנעלע טענער, וואָס קלינגען אַזוי אויפריכטיק. און ס'וווּנדערט אונדז ניט, וואָס זי אַליין איז אויך מיטגעריסן געוואָרן פון איר הצלחה. נאָך אַלעמען איז זי דאָך געווען אַ פּראָדוקט פון דער לינקיסטישער שול, וואָס האָט געפּריידיקט די אידעען פון רעוואָלוציאָנערן גערעגל אָן קאָמפּראָמיסן. איז נאַטירלעך געווען איר פּרייד מיט יענע רעזשימען. איצט, לייענענדיק די מוזיקאַלישע יידיש־סטראָפעס פון איר ווערק, דערמאָן איך זיך ווי איך האָב איר בעת יענער באַגעגעניש אין תל־אביב געפרעגט, צי וואָלט זי געקענט שרייבן אַט די רירנדיקע עפּיק לויטן פּריקאַז פון דער קאָזיאָנער סאָציאַליסטישער ליניע, האָט זי זיך גיך אָפּגעטרייסלט: "ניין, ניין, היינט ווייס איך שוין אַז דאָס וואָלט געווען אַ טויטאורטייל פאַר דער שאַפונג." איר ענטפער האָט געמיינט ניט נאָר די רעזיגנאַציע פון אַ יחיד, נייערט די באַוווסטזיניקע ווידוי פון אַ פאַרפירטן דור. אַזוי האָט פאַר מיר אויפגעבליצט אַ פונק פון יענעם וווּנדערלעכן קריקפלי און צונויפגעטראָפן מיט דאַרע טייטלבוים, און כ'האָב עס אויפגעכאַפּט ווי אַ זכיה, און אַ שאַנס, עס צו רעקאָרדירן אין אָט דעם געדענק־רעפּאָרטאַזש. זי האָט זיך היינט פאַר מיר אַנטפּלעקט ווי אַ מין לעגענדאַרע פיגור, אַ שטערן וואָס קרייצט זיך איבער מיט דיין גאַנג און לאָזט איבער נאָך זיך אַ שטראַליקן צייכן וואָס פאַרגייט ניט. און זינט יענע פאַר עפּיזאָדישע צונויפגעטרעפן האָב איך געפילט אַ פאַרלאַנג עפּעס אָנצושרייבן לכבוד איר. אָט ליגן אירע ביכער פאַר מיינע אויגן און איך מיש די בלעטער, לייען פּרקים, שטיקער פון איר יצירה. און מיט אַ מאָל דאַכט זיך מיר, אַז ליטל־ראָק, פון אַמעריקע, און סאָוועטאָ, פון דרום־אַפריקע, טרעפן זיך צונויפן, ווי צוויי שוועסטער – אַפּאַרטהייד און סעגרעגאַציע, איןביידע האָט זיך געצויגן דער בלוטיקער שנור פון ראַסן־שינאה און רציחה. און נאָכן געפעכט פון דער שוואַרצער מערהייט און אויפשטעלן די דעמאָקראַטיע אין אונדזער היימלאַנד, קומען זיי היינט אַהער, די סטודענטן פון דער מאָדערנער אַמעריקע צו גאַסט אויף שטודיר־פּראָגראַמען אין סאָוועטאָ. די קינדער און אייניקלעך פון די ליטל־ראָקס צו די שוואַרצע שול חברים אין די סאָוועטאָס. און מע דאַרף זיין שטאַרקער פון שטאָל ניט אַרויסצולאָזן אַ טרער אויף דער ליבשאַפט און טאָלעראַנץ פון אַ נייעם ווייסן און שוואַרצן דור. אַ מחיה עס צו זען! טאָ זאָל עס זיין אַ בלימלטרער אויך פאַר דיר, יידישע מוטיקע דיכטערין, דאָרע טייטלבוים.

---

(סוף פון ז' 38)

אָפּטער אירע נייע לידער. זיי זענען שטענדיק אָנגעפילט מיט טיפער לירישקייט, פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען און מיט ליבע צום מענטשן. אין די לידער פילט זיך אַ נייער אויפלעב פון איר וואַרעמער מאַמעשער פּאָעזיע.

* * *

פאַרענדיקנדיק אונדזער קורצן איבערזיכט, מוזן מיר אונטערשטרייכן, אַז ער איז ביז גאָר ניט קיין אויסשעפּלעכער. יעדע איינע פון די אויבן אָנגערופענע דיכטערינס פאַרדינען באַזונדערע און פולע עסייען. עס איז אָבער אַ חוב צו דערציילן וועגן זיי, וועגן דער ווירקלעכקייט, אין וועלכער ס'איז זיי אויסגעקומען צו לעבן און שאַפן. און אונטערשטרייכן זייער רייכן בייטראָג צו דער יידישער פּאָעזיע און ליטעראַטור, בכלל.

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים, ישראל

# פיאַנאָ־קאָנצערט לויט אייער בקשה

## *פּאַר לילקען - בת השמונים*

שמאָלע הענט, לאַנגע פינגער.
ווען זיי רירן אָן די קלאַווישן
מישן זיך אויס די וואָר מיטן חלום.
ווערסט גרינגער פון אַ פעדער.
ווערסט שווערער פון אַ טרער.
הער, הער ווי דער ווינט,
שפינט אַ טאָן מיט אַ טאָן.
הער, הער ווי עס קראַכן שיפן
אין מיטן שטורעם.
ווי עס פאַלן בלעטער
אויף פאַרוואָרלאָזטע קברים.
ווי עס שיילט זיך אויס אַ הויז נאָך אַ הויז
פון אַ נעפל.
ווי אַ בהמה לעקט
מיט דער פייכטער צונג
איר נאָר וואָס געבוירן
קעלבל.
די קלאַווישן הייבן זיך
און פאַלן.
שוואַרץ בייט זיך מיט ווייס
ווייס מיט שוואַרץ
גיי, ווייס
גיי, פאַרשטיי
וועלכעס פון זיי
צופט דיך
ביים הערן
צוממערסטן
ביים האַרץ!

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**
בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:
NATHAN STEINMAN
12027 Goshen Avnenu, Apt 7 • LA, CA 94009
Telephone: 310 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"

מ. אייזענבוד / אויסטראַליע

# אַן עפּאָפּיי פון העראָיזם*

דער זיג פון מדינת ישראל אין דער 6־טאָגיקער מלחמה (1967) איז געוואָרן דער דינאַמישער כוח אונטערן דרוק פון וועלכן עס האָט גענומען פּלאַצן דאָס אייז, אין וועלכן דאָס סאָוועטישע יידנטום איז געווען איינגעפרוירן.

שוין נאָך דער טראַגישער דאַטע פון 12־טן אויגוסט - דעם מאָרד איבער די יידישע שרייבערס, יידישער קולטור און יעדן סימן פון יידישן לעבן -

שוין נאָך סאָלזשעניצינס גולאַג אַנטפּלעקונגען - ווו די וועלט האָט דערזען די שפּיציקע, פאַרבלוטיקטע צאָן־רעדער פון דער סאָוועטישער יוסטיץ־מאַשין (אויב דאָס קאָן אָנגערופן ווערן - יוסטיץ) - שוין נאָך דעם אַלעם, האָט זיך באַוויזן אַ נייער יידישער פּערנאָמען; דער ווילן צו זיין יידן. אויסער די גרענעצן פון רוסלאַנד.

עס האָט זיך אויפגעוועקט דער נאָך־רעוואָלוציע דור פון יידישע אינטעלעקטואַלן, אָן צו קענען די יידישע שפּראַך; אָן צו קענען העברעיש; דערצויגן ווי אַטעיסטן - און עס האָט זיך אָנגעצונדען דער יידישער פונק און דער ווילן צו לעבן צווישן יידן און דערציען די קינדער - ווי יידן.

אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון די דאָזיקע יידן איז מאַרק יאַקאָוולעוו אַזבעל. געבוירן אין כאַרקאָוו אין יאָר 1932. זיינע עלטער - הגם דאָקטוירים, האָבן געאַרבעט שווער און געלעבט אין אָרעמקייט, איבערגעלעבט די מלחמה אין סיביר און זיך צוריקגעקערט אין זייער היימשטאָט - כאַרקאָוו.

אַ פעיקער בחור, מיט אַ נייגונג צו פיזיק (און אַ שאַרפן חוש פאַר אָבסערוואַציע) איז ער אין עלטער פון 32 יאָר, נאָך אַן איבערייס פון 12 יאָר - געווען דער ערשטער ייד וואָס איז אַקצעפּטירט געוואָרן אין מאָסקווער פיזיק־טעכנישן אינסטיטוט. דאָרט האָט ער אַנטוויקלט זיין אידעע פון "עלעקטראָן־טעאָריע פון מעטאַלן". געווען מיטאַרבעטער און נאָענט באַפריינדט מיט די גרעסטע סאָוועטישע וויסנשאַפטלער ווי פּראָפ' לאַנדאַו און קאַפּיצאַ. אין זיינע פאָרש־אַרבעטן פון טעאָרעטישער פיזיק האָט ער געהאַט פולע פרייהייט. געווען נאָמינירט פאַר אַ לענין־אָרדן און זיך גערעכנט צווישן דער פּריווילעגירטער וויסנשאַפטלער־עליטע פון ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט אָבער געזען וואָס אונטן קומט פאָר. די באַציונג צו יידישע סטודענטן: דאָס ניט צולאָזן זיי צו אַנטוויקלען זייערע פעיקייטן, און צוטריט צו די ספּעציעלע אינסטיטוטן.

אין יאָר 1972 האָט ער באַשלאָסן אָנצוגעבן אויף אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש קיין ישראל. מיט אַ מאָל האָט זיך זיין לעבן איבערגעקערט. פון אינסטיטוט האָט מען אים געצוווּנגען צו רעזיגנירן, נאָך איידער ער האָט אנגעגעבן די ביטע. זיינע פאָרש־אַרבעטן האָט מען ניט געקאָנט פאַרעפנטלעכן אין לאַנד, און מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן - אין אויסלאַנד, אָבער שוין אָן דער אויטאָריטעט פון פרעזטישפולן אינסטיטוט.

די ביטע האָט מען אָפּגעוואָרפן. ער ווערט איינער פון די אָנפירער פון די "רעפיוזניקעס" און זיין קאַמף ציט זיך גאַנצע 5 יאָר (באַשריבן אויף 500 זייטן).

אין בוך אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ טראַגיש בילד פון העראָישע מענטשן, וועלכע קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן סיסטעם. שאַראַנסקי, וולאַדימיר סלעפּאַק, אידאַ

*) Mark Ya. Azbel: "Refusenik - Trapped in the Soviet Union"
Hamish Hamilton. London

נודל האָבן דעם קאַמף פֿאַרשפּילט. זיין נאָענסטער פֿריינד - וויקטאָר בראַילאָווסקי האָט שוין געהאַט די אַרויספֿאָר־וויזע, זי אָפּגעלייגט און צום סוף האָט מען אים פֿאַרשיקט.

בלויז אַ קליינער טייל פֿון די באַדייטנדע וויסנשאַפֿטלער (דאָס רוב מאַטעמאַטיקער) ווי סאַשאַ וואַראַנעל, בנימין פֿיין, מאַרק אַזבעל און נאָך אייניקע - האָבן דערגרייכט די פֿרייהייט.

פֿינף יאָר האָבן אַזבעל, וואַראַנעל און בראַילאָווסקי געפֿירט אומלעגאַל, אין פּריוואַטע וווינונגען, אַ וויסנשאַפֿטלעכן סעמינאַר, כּדי צו דערהאַלטן און פֿאַרטיפֿן די דערוואָרבענע קענטענישן.

אויף זייער איינלאַדונג האָבן זיך אין סעמינאַר באַטייליקט אויסלענדישע וויסנשאַפֿטלער, אין אַן אויסטויש פֿון אידעען. (אין בוך זענען דאָ פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון סעמינאַר, מיטן טאָוול וואָס איז פֿול מיט וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרמולן און אויסטייטשונגען).

מאַרק אַזבעל - צוערטש מיט סאַשאַ וואַראַנעל און דאַן אַליין - האָט רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן אין "סאַמאיזדאַט" דעם זשורנאַל: "יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד", ווו זיי האָבן אָנגעגעבן די נעמען פֿון די אַרויסגעבער און דעם אַדרעס פֿון דער רעדאַקציע.

אין משך פֿון דער צייט האָט די גרופּע "רעפֿיוזניקעס" אָרגאַניזירט אַ הונגער־שטרייק, וואָס האָט געדויערט 15 טעג. די "רעפֿיוזניקעס" האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין איין וווינונג, דעם 10־טן יוני 1973, און שוין האָט מען אין דער פֿרייער וועלט געוווּסט וועגן דעם הונגער־שטרייק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָטעסטן פֿון באַרימסטע וויסנשאַפֿטלער אין מערב.

אין שטרייק האָבן אָנטייל גענומען: מאַרק אַזבעל, סאַשאַ וואַראַנעל, וויקטאָר בראַילאָווסקי, גונטס - אַ קאָמפּיוטער וויסנשאַפֿטלער, דאָן ראָגינסקי - אַ פֿיזיקער אויפֿן געביט פֿון הויכער שפּאַנונג (ענערגיע) אַנאַטאָלי ליבגאַבער - אַ מאַטעמאַטיקער, פּראָפֿ' משה גיטערמאַן.

די מאַכט האָט גענוצט אַלע מעגלעכע מיטלען צו ברעכן דעם שטרייק. אָבער דאָס זענען שוין ניט געווען סטאַלינס צייטן. די קג"ב האָט זיך געמוזט האַלטן אין געוויסע לעגאַלע ראַמען. איבערהויפּט ווען תּמיד האָבן אָנערקענטע אויסלענדישע פֿיזיקער זיי באַזוכט.

ווען אַזבעל איז נאָך געווען "אין די פֿעדערן' האָט פּאַסירט דער אַרעסט פֿון די שרייבער יולי דאַניעל און אַנדריי סיניאַווסקי. אַ יונגער פּאָעט, זייערער אַ פֿריינד - כמיעלניצקי - האָט זיי דענונצירט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייערע ביכער, וואָס זענען דערשינען אין אויסלאַנד, אונטער פּסעוודאָנימען. סיניאַווסקי (דער רוס) האָט געהייסן אבאם טערץ. יולי דאַניעל (דער ייד) האָט געהייסן ניקאָליי אַרשאַק.

אַזבעל, וואַראַניעל (דאָס איז געווען איידער זיי האָבן אָנגעגעבן אויף אַרויספֿאָר־דערלויבענישן) האָבן אָנגעהויבן קלייבן אונטערשריפֿטן צווישן וויסנשאַפֿטלער אויף אַ פּעטיציע זיי צו באַפֿרייען. זיי האָבן געשריבן בריוו. זייער איינציקע סיבה איז געווען; יולי דאַניעל איז געווען אַ נאָענטער פֿריינד, און מען דאַרף העלפֿן אַ פֿריינד אין אַ נויט. אין די סאָוועטישע באַדינגונגען האָט עס געהייסן: דעם קאָפּ אַריינשטעקן דעם לייב אין מויל אַריין. דאָס אַריינמישן זיך אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון די שרייבער האָט שפּעטער אַזבעלן געקאָסט דעם לעניך־אָרדן, וואָס איז שוין געווען אַ געזיכערטער. ווי אַ באַווייז, אַז דאָס בוך איז געשריבן אָן ביטערקייט, קאָן דינען די כאַראַקטעריסטיק, וואָס אַזבעל גיט וועגן כמעלניצקען.

אויפֿן צווייטן טאָג פֿון דעם דאַניעל־סיניאַווסקי פּראָצעס האָט עדות געזאָגט זייער

געוועזענער פֿרײַנד כמיעלניצקי. שרײַבט אַזבעל:

"און דאָס איז אַמאָל געווען אַ רירעוודיקער, טאַלאַנטירטער מענטש, וואָס וואָלט אין יעדער אַנשטענדיקער געזעלשאַפֿט זיך ניט אָנגעטראָפֿן אויפֿן דרוק וואָס האָט אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּחדן און אין אַן אָביעקט פֿון עקל. ער וואָלט אפֿשר געווען אַ דערפֿאָלגרײַכער פּאָעט. ער איז געווען אַ טאַלאַנטירטער פּאָעט. ער איז אָבער געבוירן געוואָרן אין דעם ניט ריכטיקן אָרט. ער איז געוואָרן אָפּגעבריט ביים סאָוועטישן זאַלץ־זויער (אַסיד) פּרווו." (זייט 202)

דאָס בוך גיט אונדז אַן אַרײַנבליק אין לעבן פֿון די סאָוועטישע וויסנשאַפֿטלער. זייערע שטרעבונגען, דערגרייכונגען, פֿאַרבינדונגען, און בכלל זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט און דעם רעספּעקט פֿון דער פּאַרטיי פֿון וועלכן זיי האָבן גענאָסן.

דאָס בוך לייענט זיך ווי אַ שפּאַנענדיקער ראָמאַן, נאָר אָנשטאָט אויסגעטראַכטע העלדן און סיטואַציעס, זענען דאָס לעבעדיקע מענטשן: פֿרויען, מענער און קינדער. יאָ, אַזבעל האָט זיך זייער געזאָרגט וועגן דער פּסיכאָלאָגישער אויסווירקונג אויף די קינדער, וואָס די כסדרדיקע אַרעסטן, זוכונגען און נאָכאַנאַנדיקע שפּאַנונג האָט געהאַט אויף זיי. זיי זענען אַלע געווען אַרײַנגעצויגן אין פֿאַרמעסט מיט דער קג"ב.

הגם יעדעם זייטל איז אָנגעפּילט מיט דראַמאַטישע מאָמענטן, איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף עטלעכע, וואָס זענען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די מיטלען מיט וועלכע די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך באַנוצט קעגן די "רעפֿיוזניקעס".

"די געפֿאַר האָט זיך דערנענטערט - שרײַבט אַזבעל - עס איז שווער אויסצודריקן אונדזערע דערשלאָגענע געפֿילן, ווען אין אַ געוויסן אָוונט, ווען מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו די נייעס, האָבן זיך אויפֿן עקראַן באַוויזן די פּנימער פֿון אונדזערע צוויי פֿרײַנד - וולאַדימיר סלעפּאַק און יאָסיף בעגון. דער נייעס־איבערגעבער האָט זיי אידענטיפֿיצירט ווי ציוניסטן, איינגעשטעלט אויף צו צעשטערן די סאָוועטישע מאַכט, און ווי שונאים פֿון פֿאָלק. ("שונאים פֿון פֿאָלק" איז ניט סתם אַ פֿאַראַלגעמיינערטע פֿאַראורטיילונג. דאָס איז אַ באַצייכענונג פֿאַר אַ ספּעציפֿישער קאַטעגאָריע פֿאַרברעכער, די סאַמע געפֿערלעכסטע, די סאַמע געהאַסטע.)

אַרטיקלען, אַנטפּלעקנדיק די פֿאַרברעכער, פֿאַרעטער, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין דער פּרעסע. די דאָזיקע פֿאַרעטער ווילן ניט אויסוואַנדערן קיין ישראל, ווו זיי האָבן פּאַקטיש ניט קיין משפּחה, נאָר קיין אַמעריקע - ווו זיי ווילן מאַכן געלט. זיי גייט ניט אָן דעמאָקראַטיע, הומאַניזם אָדער אידעאַלן. זיי זענען איינפֿאַך ליגנערס.

ניט לאַנג נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פֿאַרלוימדערישע, אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען אין "סאַמאיזדאַט", אַזוי גוט ווי אין די אָפֿיציעלע פּובליקאַציעס.

דאָס איז - היסטאָריש גענומען - אַ זייער חידושדיקער פֿענאָמען. די אונטערערדישע פּרעסע איז קיין מאָל ניט געווען אַנטיסעמיטיש. ניט אין די צאַרישע צייטן, און אויך ניט אין אונדזערע.

אַצינד זענען דערשינען אַזוינע שריפֿטן ווי די פֿון עמיליאַנאָוו, וואָס איז געווען איינער פֿון די לעקטאָרן פֿון דער געזעלשאַפֿט "זנאַניע", אין וועלכע ער קלערט אויף די יידישע אינטריגע, וואָס שטרעבט צו באַהערשן די וועלט, ספּעציעל רוסלאַנד. צווישן זיינע באַהויפּטונגען איז אויך געווען די דערקלערונג, אַז אַלע פֿירער פֿון אַמעריקע, דעם פּרעזידענט אַרײַנגערעכנט - זענען אָדער יידן, אָדער מאַסאָנען, וועלכע קריגן זייערע באַפֿעלן פֿון די יידן. זיין טעאָרעטישע פֿראַגע איז: ווער וועט איבערלעבן -

ישראל אָדער רוסלאַנד? מחמת - זאָגט ער - די ציוניסטישע פּלאַנירן צו צעשטערן רוסלאַנד פֿאַר דעם יאָר 2000" (זייט 422).

אַבעלס אַנאַליטישער מוח פֿאַרנעמט זיך ניט בלויז מיט זיין ספּעציאַליטעט: טעאָרעטישע פיזיק. נאָר אויך מיט אַנאַליזירן די רוסישע ליטעראַטור פֿון 19־טן י"ה, און דעם צוגאַנג פֿון די רוסן ווי סאָלזשעניצין און אַנדערע שרײַבערס אויף דער עמיגראַציע (מיטן אויסנעם פֿון סיניאַווסקען) וועלכע זענען "נאָך אַלץ געבליבן אין רוסלאַנד מיטן געדאַנק און מיט זייער גייסט". דער אופן ווי עס טראַכט סאָלזשעניצין פֿאַלט זיך צונויף מיטן געדאַנקען־גאַנג פֿון די סאָוועטישע הערשער - זיי פּרעטענדירן אין סך הכל אויף אַ טאָטאַליטאַרער מלוכה. דער אונטערשיד איז בלויז וואָס מענטשן ווי סאָלזשעניצין און שאַפֿאַרעוויטש און אַנדערע וואָס האָבן די זעלבע מיינונג - זענען ערלעך.

איך מיין אָבער, אַז אין זייערע דיסקוסיעס נעמען זיי ניט אין באַטראַכט די וועגן פֿון געשיכטע און פֿון ענדערונגען. זיי קענען עס ניט דערפֿאַר, ווייל אַלס רוסן האָט מען זיי ניט דערמעגלעכט צו האָבן וועלכע ניט איז פּאָליטישע דערפֿאַרונג, אָדער באַטייליקן זיך אין אַ פֿריי, פּאָליטיש לעבן.

לאָמיר ניט פֿאַרגעסן: אין אָנהייב פֿון הײַנטיקן י"ה זענען געוויסע קאָמוניסטן אויך געווען מענטשן פֿון ערע, דרייסטע און קרבנות־גרייטע, אָבער דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גוטע כוונות." (זייט 424)

צווישן די הויכע באַאַמטע פֿון סאָוועטישן סיסטעם, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו באַווירקן אַזבעלן צו ענדערן זיין מיינונג, איז געווען סערגיי איוואַנאָוויטש גאַווריליאָוו - דער פֿאַרבינדונגס־אָפיציר צווישן דער קג"ב. און דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיי האָבן געפֿירט לאַנגע געשפּרעכן. אין זיין פֿאָרוואָרט צום בוך מאַכט פּראָפּ פּרימאַן דייסאָן אַ פֿאַרגלייך מיט די דיאַלאָגן פֿון רובאַשאָוון - אַרטור קעסלערס העלד פֿון בוך: "פֿינצטערניש אין מיטן טאָג" מיט זיין אויספֿאָרשער, און מאַרק אַבעלס דיאַלאָגן מיט דער זעלבער קג"ב. און ער פֿרעגט:

פֿאַרוואָס האָט רובאַשאָוו פֿאַרשפּילט און אַזבעל האָט געוווּנען? ער קומט צום אויספֿיר: "אַזבעל האָט געהאַט די איבערהאַנט איבער זיינע שונאים, ווייל ער איז געווען גרייט צו שטאַרבן, זיי אָבער זענען ניט געווען גרייט אים צו טויטן."

צוויי עפּיזאָדן, אפֿשר ניט גאָר קיין וויכטיקע, דערפֿאַר אָבער גענוג סימפּטאָמאַטישע פֿאַר דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט.

דער ערשטער עפּיזאָד (זייט 58) האָט צו טאָן מיט די יאָרן 1839-1938. מאַסן אַרעסטן צווישן אינטעלעקטואַלן. אַ פּראָפֿעסאָר האָט געזען, ווי יעדן טאָג ווערט אַן אַנדערער פֿון זיינע פֿריינד אַרעסטירט. אַ סאָוועטישער בירגער קאָן זיך ניט איינפֿאַך אונטערטונקען אין דער מענטשן־מאַסע און פֿאַרשווינדן. אַלעמען האָט מען אויפֿן אויג.

איין פֿרימאָרגן איז ער אַרויף אויפֿן טראַמוויי און אָן שום העמונגען אַרויסגעצויגן דעם טייסטער פֿון זיין שכנס טאַש. מען האָט גערופֿן פּאָליציי. אַרעסט און אַ געריכט. דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך מודה געווען. דאָס געריכט האָט אים פֿאַרמשפּט אויף אַ יאָר טורמע - פֿאַר גנבה. ער איז דעם אורטייל אָפּגעזעסן אין כאַרקאָווער תּפֿיסה. ווען ער איז אַרויס, האָבן אַלע זיינע פֿריינד זיך שוין געפֿונען אין סיבירער אַרבעטס־לאַגערן, פֿאַרשיקט אויף צענטליקער יאָרן...

דער צווייטער עפּיזאָד האָט צו טאָן מיט אַ טעלעפֿאָן:

איין פֿרימאָרגן האָט די אויפֿרוימערן באַמערקט אויפֿן ביוראָ־טיש עפּעס גאָר אַ שיינעם טעלעפֿאָן, וואָס זי האָט נאָך קיין מאָל ניט געזען. דערביי איז געלעגן אַ ליסטע

מיט נומערן פון די סאַמע חשובסטע לייט. זי האָט לאַנג ניט געטראַכט און אָנגעקלונגען אויף אַ נומער. ווען זי האָט דערהערט ווי מען זאָגט: יאָ, ווער רעדט? איז זי באַלד אַרויס מיט איר טענה:

– זי איז אַ רוימערין. זי האָט אַ משפחה מיט אַכט קינדער און וווינט אין איין צימער. מען האָט איר צוגעזאָגט אַ גרעסערע וווינונג. אָבער עס רירט זיך ניט פון אָרט.

– ווייסטו מיט וועמען דו רעדסט? – האָט מען געפרעגט.

– געוויס. מיטן פרעזידענט, חבר פּאָדגאָרני.

די פרוי האָט אינגיכן באַקומען אַ גרעסערע וווינונג. פּראָפ' קאַפּיצא האָט באַקומען אַ שאַרפן אויסרייד, ווייל אַזאַ טעלעפאָן דאַרף זיין פאַרשלאָסן אין אַן אייזערנער שאַפע...

אַ דאַנק דעם טעלעפאָן טאַקע, האָט אַזבעלס פרוי באַקומען דרינגענדע הילף אין מאָסקווע, וואָס איז אוממעגלעך געווען צו באַקומען אין כאַרקאָוו (ווו ער האָט דאַן געוווינט). די אינטערווענץ האָט אָפּגעראַטעוועט זיין פרויס לעבן.

* * *

אַ דאַנק פּראָפ' מאַרק יאַקאָוולעוו אַזבעל האָבן מיר באַקומען אַ מאָנומענטאַל ווערק וואָס גיט אַ קווערשניט פון לעבן און קאַמף פון אַ דור יידן, וועלכע זענען דערגאַנגען צו זייער יידישקייט דורך אַנדערע וועגן ווי מיר. במילא זענען זייערע נויטן און פאָדערונגען אַנדערע. דער פּאַרמעסט איז אָבער תמיד דער זעלבער: צווישן די כוחות פון פּראָגרעס און גערעכטיקייט – קעגן די כוחות פון רעאַקציע און בלינדער שינאה.

גרוניאַ סלוצקי־קאַהן / מאָנטרעאָל

## האַרבסט

אַראָפּגעפאַלן שוין די בלעטער,
פאַרגליווערט ליגן זיי אין גאַס.
דער ווינט – ער יאָגט די גאָלדן־בלעטער,
מאַכט פון זיי חוזק, מאַכט פון זיי שפּאַס.

עס ציטערן פון קעלט די בלעטער,
און בעטן שוין דעם טויט אויף זיך;
"נעם אונדז צו זיך, גאָט,
לאָז לאַנג ניט ליידן,
ס'טרעטן אויף אונדז שווערע שיך.

דער רעגן ווייקט אונדזער נשמה,
דער ווינט, דער בייזער, נעמט נקמה,
קיינער האָט ניט קיין רחמנות,
נעם אונדז צו זיך, גאָט,
נעם אונדז צו זיך".

משה שקליאַר

# דריי באַגעגענישן

אַלע דריי באַגעגענישן וואָס איך וויל דאָ דערמאָנען, און וואָס האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זיכרון, האָבן אַ שייכות צו דעם נאָמען מאַרקיש. נישט דווקאי פּרץ מאַרקיש, דעם גרויסן דיכטער, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף מיין פאַרבינדונג מיט דער יידישער ליטעראַטור, פון זינט איך האָב אין שול געלערנט זיינע לידער, נאָר אויך מיט צוויי אַנדערע מיטגלידער פון זיין משפּחה.

און געווען איז עס אַזוי:

דער ווינטער פון 1939–1940 איז געווען אַ באַזונדערס שווערער. אין דער ווייסרוסישער שטאָט וויטעבק, ווו איך בין פאַרטראָגן געוואָרן מיט אייניקע חדשים פריער צוזאַמען מיט אַן עשעלאָן בעזשנצעס (פּליטים), וועלכע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן פון דעם אָקופּירטן דורך די דייטשן פוילן, זענען געשטאַנען גרויסע פרעסט. די גאַסן זענען געווען פאַרזונקען אין טיפע שנייען און דערגרייכן פון דער אָבשטשעזשיטיע (צוגאַמענווינונג) ביז דער פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט, איז אָנגעקומען מיט קריאת ים סוף. יעדן צווייטן טאָג איז דער טראַמוויי־פאַרקער געוואָרן אָפּגעשטעלט צוליב דעם פעלן פון עלעקטירשן שטראָם. די צוזאַמענווינונג איז נישט געווען באַהייצט ווייל ס'האָט אויסגעפעלט געהילץ און דער שטענדיק שיכורער קאָמענדאַנט פון די ווינונגען האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. ער פלעגט אויסטרינקען נאָך אַ האַלבן ליטער בראָנפן און אים איז געווען וואַרים ביים אָנגעהייצן אייוועלע אין זיין וואַך־שטיבל.

דאָס איינציקע אָרט, ווו מ'האָט זיך געקאָנט דערוואַרעמען נאָך דער אַבעט, איז געווען דאָס יידישע ביבליאָטעק־צימער ביי דער אַלגעמיינער שטאָטישער ביבליאָטעק. נישט דערפאַר ווייל דאָס צימער איז געווען באַהייצט, נאָר ווייל אין די אָוונטן פלעגט זיך דאָרט צונויפקלייבן אַ גרויסער עולם בעזשנצעס און פון די בלויזע גערעדעריען, דערמאָנונגען און וויכוחים פלעגט די לופט זיך אָנוואַרעמען. דער ביבלאָטעקאַר, אַן עלטערער ייד מיט טרויעריקע אויגן און אַ בלייך אויסגעמאָרגערט פּנים, פלעגט זיך בעטן ביים עולם, און דערביי איז זיין פּנים נאָך בלייכער געוואָרן: "זייט שטילער, דאָ איז נישט קיין דיסקוסיע־קלוב. נעמט אַ בוך און גייט אַ היים, אָדער גייט אַריין אין גרויסן לייען־זאַל. דאָרט קאָנט איר זיצן רויק און לייענען". נאָר קיינער האָט זיך נישט געיילט אַריינצוגיין אַהיצו, ווייל ס'איז דאָרט געווען פונקט אַזוי קאַלט ווי אין גאַס...

פאַקטיש האָט ער געוואָלט פּטור ווערן פון דעם אומגעריכטן עלום. ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזוי פיל באַזוכער אין זיין ביבליאָטעק־צימער, וואָס איז געשטאַנען כמעט ליידיק נאָך די שווערע סוף דרייסיקער יאָרן. נישט בלויז דאָס ביבליאָטעק־צימער איז געשטאַנען כמעט ליידיק, אויך די פּאָליצעס זענען געוואָרן אויסגעליידיקט. מיט ווייטיק אין האַרצן האָט ער געמוזט באַזייטיקן פון זיי אַלע ביכער פון די פאַרשוואונדענע יידישע שרייבערס. און איצט אַ נייע אָנשיקעניש מיט די בעזשנצעס. ווי גיט מען זיך מיט זיי אַן עצה... ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד אויף זיין ביבליאָטעק און אויף אים גופא צוליב די פאַרזאַמלונגען פון די פרעמדע.

מיר האָבן אָבער וועגן דעם נישט געוווסט. מיר זענען געווען בלויז עטלעכע חדשים אינעם לאַנד פון די סאָוועטן און נאָך נישט פאַרשטאַנען אַ סך זאַכן וואָס זענען פאָרגעקומען אַרום אונדז. און טייל מאָל האָט זיך נישט געוואָלט פאַרשטיין, ווייל אַזוי

איז געווען באַקוועמער...

איז אָט אין יענער צייט איז מיר אין ביבליאָטעק אַריינגעפאַלן אין האַנט די מינסקער יידישע צייטונג "אָקטיאַבער" און דאָרט האָב איך איבערגעלייענט אַ מודעה אַז אין דעם און דעם טאָג קומט צו פאָרן קיין מינסק אַ דעלעגאַציע פון מאָסקווער יידישע שרייבערס אין זייער וועג צום באַפייטן ביאַליסטאָק אין מערב־ווייסרוסלאַנד און זיי וועלן אויפטרעטן אין שרייבער־פאַראיין אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט לייענערס. צווישן די מאָסקווער יידישע שרייבערס וואָס זענען דערמאָנט געוואָרן אין דער מודעה האָט אַרויסגעשיינט דער נאָמען פרץ מאַרקיש. איבערגעלייענט די נאָטיץ אין צייטונג האָב איך שוין מער קיין רו נישט געהאַט. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט זען און הערן דעם דיכטער וועמענס לידער און פּאָעמעס האָבן מיך באַגייסטערט נישט בלויז אין שול, נאָר אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, גלייך איך וואָלט געווען פאַרליבט אין זייער שאַפער. נאָר ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? וועגן באַפרייען זיך פון דער אַרבעט קאָן קיין רייד נישט זיין. אָוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג אָן אַ "זיי געזונט" שמעקט מיט אַ "פּראָגול" פאַר וואָס עס דראָט אַ האַרבע שטראָף. איז געקומען צו הילף די נאַטור אַליין. איך בין פּלוצעם קראַנק געוואָרן און באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. בין איך אַוועק צום דאָקטער און יענער האָט מיר פאַרשריבן אַ רפואה און געגעבן אַ "ביולעטין" (אַ באַפרייונג פון דער אַבעט) אויף פינף טעג.

קראַנק, נישט קראַנק, ווער קוקט אויף אַזעלכע זאַכן ווען מען איז יונג און מ'איז פאַרליבט... זאָל זיין אַפילו אין אַ שרייבער. בין איך אַוועק אויפן וואָקזאַל, געשטאַנען אַ האַלבן טאָג אין דער ריי פאַר דער קאַסע ביז איך האָב געקראָגן אַ בילעט, זיך אַריינגעזעצט אינעם קאַלטן וואַגאָן און אין עטלעכע שעה אַרום בין איך שוין געווען אין מינסק. ווען איך האָב דערגרייכט די הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד איז שוין געווען שפּעטע נאַכט. איך האָב קיינעם אין שטאָט נישט געקענט און נישט געוווסט וווהין צו גיין. האָב איך געטאָן וואָס אַ סך אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן געטאָן נאָכן אויסשטייגן פון באַן. אַריין אין דעם גרויסן וואָקזאַל־בנין און זיך אויסגעזעצט אויף די בענק אָדער גאָר אַוועקגעלייגט זיך אויפן פאַרבלאָטיקטן דיל און געכאַפּט אַ דרימל ביז אין דער פרי. איך האָב געהערט צו די גלקלעכע, ווייל כ'האָב נאָך געפונען אַן אָרט אויף אַ באַנק. פון טיפן דרימל האָט מיך אין גיכן אויפגעוועקט אַ מיליציאַנט. ער האָט מיך אַ טרייסל געטאָן ביים אַקסל און שטיל, גלייך ער וואָלט נישט וועלן אויפוועקן מיינע שכנים, געזאָגט: "בירגער, שלאָפן טאָר מען נישט". ער איז אַוועק צו אַנדערע און איך בין ווידער איינגעשלאָפן. אָבער נישט אויף לאַנג. פון צייט צו צייט האָט אַ מיליציאָנער ווידער מיך געוועקט און מיך געוואָרנט מיט אַרעסט. בין איך שוין געשלאָפן "פּאַרזיכטיק". אינסטינקטיוו פלעג איך פילן, אַז עס דערנענטערט זיך אַ מיליציאָנער, געהערט ווי ער וועקט מיין שכן אויף דער באַנק, און גלייך האָב איך געעפנט די אויגן.

קוים דערוואַרט זיך אויף דער ערשטער פרימאָרגן שיין, בין איך אַרויס אין שטאָט. נישט ווייט פון וואָקזאַל איז געווען אַ גרויסע גאָרקיך א"נ "פאַבריקאַ קוכני" (קיך־פאַבריק). בין איך אַהין אַריין און זיך אויסגעמישט מיט דעם עולם וואָס האָט זיך דאָ דערוואַרעמט ביי אַ טעלער הייסע זופּ אָדער שוואַרצע קאַווע מיט ברויט. געגעסן האָט מען מערסטנס שטייענדיק, ווייל ביי די ווייניקע טישלעך איז קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר אַלעמען. אויסגעטרונקען מיין טעפל קאַווע, בין איך אַרויס אין שטאָט. נאָך דער רייזע אינעם קאַלטן וואַגאָן און דער שלאָפלאָזער נאַכט אויפן וואָקזאַל בין איך געווען שטאַרק

פאַרמאַטערט, אָבער נאָך דער הייסער קאַווע בין איך ווי ייִנגער געוואָרן. באַזודערס מיינע פּיס. זיי האָבן מיך גוט געטראָגן איבער די מינסקער גאַסן ביז זיי האָבן מיך געבראַכט צום בנין פון דער לענין־ביבליאָטעק, ווו כ'בין אַריין כדי איבערוואַרטן אייניקע שעה. צום אונטערשיד פון דער ביבליאָטעק אין וויטעבסק איז דאָ געווען וואַרים און באַקוועט. ביי קליינע טישלעך זענען געזעסן סטודענטן פאַרטיפט אין ביכער אָדער זשורנאַלן און נישט געלייגט קיין אַכט אויף קיינעם. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן דעם שאָרך פון די איבערגעמישטע בלעטער, אָדער דעם סקריפּ פון אַ פעדער. איך האָב געבעטן ביי דער יונגער ביבליאָטעקאַרין אַ בוך און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל אין אַ ווינקל. וואָס איך האָב געלייענט און ווי לאַנג, געדענק איך נישט.

ביים פאַרלאָזן די ביבליאָטעק האָב איך געפרעגט דעם אַדרעס פון שרייבער־פאַראיין און ווי אַזוי מען גייט אַהין. כ'האָב אַ ביסל געבלאָנדזשעט און ענדלעך דערגרייכט דאָרט ווו כ'האָב געדאַרפט. דער זאַל פון שרייבער־פאַראיין איז געווען איבערפולט, איך האָב קוים געפונען אַן אָרט. אויף דער בינע זענען שוין געזעסן די ייִדישע שרייבערס און דער פאָרזיצער פון ווייסרוסישן שרייבער־פאַראיין. נאָך זיין קורצער רעדע, אין וועלכער ער האָט אָפגעגעבן כבוד דער רויטער אַרמיי וואָס האָט באַפרייט מערב־ווייסרוסלאַנד פון די פוילישע פאַנעס, האָט ער פאָרגעשטעלט די מאָסקווער געסט, וואָס פאָרן צו זייערע באַפרייטע ברידער אין ביאַליסטאָק. ער האָט אָנגערופן די נעמען פון לייב קוויטקאָ, פּרץ מאַרקיש און נאָך אייניקע שרייבערס, און דער עולם האָט זיי באַגריסט מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן. נאָך דעם האָבן די שרייבערס געלייענט פון זייערע ווערק. וואָס ווער עס האָט געלייענט איז שוין לאַנג אַרוים פון מיין זכרון. איך געדענק בלויז דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דאָס געשטאַלט פון פּרץ מאַרקישן. ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען לייענען, איז ווי ליכטיקער געוואָרן אין זאַל. זיין געדיכטע שוואַרצע טשופּרינע וואָס איז געהאַנגען איבער דעם שטערן האָט נאָך בולטער געמאַכט די דעליקאַטע שטריכן פון זיין פּנים וואָס האָט אויסגעזען גלייך ס'וואָלט געווען געשניצט פון אַ מייסטער־סקולפּטאָר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין דיכטער שטייט אויף דער טריבונע, נאָר אַ נביא שטייט ערגעץ אויף אַ הויכן באַרג און רעדט צו זיין פאָלק מיט וווּנדער־ווערטער וואָס צינדן אָן די הערצער און מוחות.

איך האָב געהערט פּרץ מאַרקישן און בין מיט אַ מאָל געזונט געוואָרן. ס'איז געוואָרן עפּעס גרינגער אויף דער נשמה, די הויכע טעמפּעראַטור, וואָס האָט מיך באַגלייט פון וויטעבסק ביז מינסק, איז פאַרשוווּנדן. איך בין נאָך לאַנג געזעסן אין זאַל. עס זענען ארויסגעטראָטן אַנדערע שרייבערס, נאָר אין מיינע אויערן האָט כסדר געקלונגען די מעכטיקע שטימע מאַרקישס און זיינע וווּנדער־ווערטער, וואָס האָבן מיך באַגלייט אין מיין גאַנצן וועג אויף צוריק.

און דאָס איז געווען די באַגעגעניש נומער איינס.

* * *

און אָט איז די באַגעגעניש נומער צוויי:

געווען איז עס אין פרילינג פון יאָר 1956 אָדער 1957. אין וואַרשע, ווו איך האָב דעמאָלט געלעבט און געאַרבעט אין דער ייִדישער צייטונג "פאָלקס־שטימע", האָט דער פרילינג זיך געפילט נישט נאָר אין דער לופט, אין די גערטנער וואָס האָבן, ווי איבער

נאַכט, זיך באַדעקט מיט ווייסן אַקאַציע־צוויט און גרינע בלעטער, נאָר אויך אינעם געמיט פון די מענטשן. עס האָט זיך געעטעמט פרייער נאָך דעם ווי אין מאָסקווע האָט "געפּלאַצט דאָס אייז" און אין גאַנצן "סאָציאַליסטישן" לאַגער האָט זיך דערפילט די "אָדליגע", די אויפטייוונג, לויטן נאָמען פונעם באַוווסטן בוך פון איליאַ ערענבורג. וואָס מען האָט נעכטן נישט געטאָרט, האָט מען שוין היינט געמעגט. און געמעגט האָט מען צ"אַ אויך פאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן. הגם פּוילן איז געווען אַ "ברודערלעכע רעפּובליק" פון "גרויסן ברודער", האָבן סאָוועטישע בירגער פריער נישט געקאָנט אַרויספאָרן קיין פּוילן, און דאָס גלייכן פאַרקערט.

אין איינעם אַזאַ פרילינג־טאָג, אָדער גיכער אויף דער נאַכט, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין וואַרשע דוד מאַרקיש, דער זון פונעם גרויסן דיכטער פּרץ מאַרקיש וועמענס געשטאַלט האָט זיך טיף פאַרקריצט אין מיין זכרון זינט יענעם מינסקער אָוונט אין שווערן ווינטער פון 1939־1940. געזאָלט האָט פאָרקומען אַ צונויפטרעף מיט דוד מאַרקישן אין קלוב ביים קלטור־געזעשלאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן אויף נאָוואָגראָדזקע גאַס, ווו ס'זענען געווען קאָנצענטרירט אַלע וועלטלעכע יידישע אינסטיטוציעס. חוץ דעם יידישן טעאַטער און דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. געקומען בין איך צו דעם צונויפטערף אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. אַריינגעקומען אין זאַל, בין איך נשתומם געוואָרן, גלייך ווי עמיצער וואָלט מיר דערלאַנגט מיט אַ האַמער אין קאָפּ. אויף דער טריבונע איז צווישן די שרייבערס דוד ספאַרד און בער מאַרק געזעסן נישט קיין אַנדערער ווי פּרץ מאַרקיש... בלויז אין אַ ביסל אַ ייִנגערער אויפלאַגע. די זעלבע שוואַרצע טשופּרינע, דאָס זעלבע ליכטיקע פּנים און אויך די דורכדרינגלעכע אויגן פונעם פאָטער.



איך האָב שוין פון דוד מאַרקישן קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ווידער האָט אויפגעלעבט פאַר מיר יענער ווינטער אינעם ווייסרוסישן שרייבער־פאַראיין, און ווען כ'האָב זיך שפּעטער באַגריסט מיט דודן און אים פאַרבעטן אין אונדזער רעדאַקציע, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך רעד מיט פּרץ מאַרקישן אַליין.

אויפן בילד פון רעכטס אויף לינקס:
ישראל עמיאָט, משה שקליאַר און דוד מאַרקיש

צומאָגנט ביי טאָג איז דוד מאַרקיש געקומען אין רעדאַקציע. אין צימער פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג, ווו איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט דעם דיכטער ישראל עמיאָט, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געהאַט געקומען פון ביראָבידזשאַן, נאָכן אָפּפינצטערן לאַנגע יאָרן אין סאָוועטישע לאַגערן, האָבן מיר אויפגענומען דוד מאַרקישן ווי אַן אייגענעם ברודער. מיר האָבן לאַנג געשמועסט, ער האָט אונדז דערציילט וועגן זיין קינדהייט, וועגן זיין פאַרברענגען מיטן פאָטער אין קאַווקאַז, וועגן דעם ערשטן יידישן וואָרט וואָס ער האָט געהערט, און דאָס וואָרט איז געווען – זיצן (נישט אויפזעצן זיך וואָס מען לערנט געוויינלעך אַ קינד, נאָר זיצן אין תפיסה). לסוף האָבן מיר אויפן אָרט איבערגעזעצט פון רוסיש אויף יידיש צוויי לידער דוד מאַרקישס. דוד האָט געלייענט זיינע לידער פון אויסנווייניק, און מיר האָבן זיך איינגעטיילט: איין ליד האָב איך איבערגעזעצט, און איין ליד – ישראל עמיאָט. אין שבתדיקן נומער פון דער צייטונג זענען ביידע לידער געווען אָפּגעדרוקט אויף דער ליטעראַרישער זייט. צום אָנדענק פון דוד מאַרקישס באַזוך זענען מיר, לויט עמיאָטס איניציאַטיוו, אַוועק אין אַ פאָטאָ־אַטעליע און אַלע דריי צוזאַמען זיך געלאָזט פאָטאָגראַפירן.

* * *

און די באַגעגעניש נומער דריי?

אין איניקע יאָר אַרום, נאָך דוד מאַרקישס באַזוך אין וואַרשע, איז געקומען אויף אַ באַזוך זיין מאַמע, פרץ מאַרקישס אלמנה, אסתר מאַרקיש. מיר האָבן דעמאָלט, דאַכט זיך, אָפּגעמערקט פרץ מאַרקישס געבוירן־יאָר, אָדער עס איז גאָר געווען דער 12־טער אויגוסט, די יאָרצייט נאָכן חורבן פון דער סאָוועטיש יידישער ליטעראַטור און קולטור און דעם אומברענג פון אירע שענסטע שאַפערס. מיר האָבן אויפגענומען אסתר מאַרקיש מיט דעם פאַרדינטן כבוד נישט נאָר ווי די אלמנה פונעם גרויסן דיכטער, נאָר אויך ווי אַ זעלבשטענדיקע קולטור־שאַפערין און איבערזעצערין פון די ווערק פון פראַנצויזישע שרייבערס.

אינעם יידישן קלוב אויף נאָוואָגראָדזקע גאַס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפּשער עולם, כדי באַגריסן די אַלמנה פונעם אומגעבראַכטן דיכטער און גלייכצייטיק אויסדריקן די געפילן פון כבוד און ווייטיק. געווען, פאַרשטייט זיך, רעדעס, באַגריסונגען, אסר מאַרקיש האָט באַצויבערט דעם עולם מיט אירע דערמאָנונגען וועגן פרץ מאַרקישן, דעם שרייבער און מענטש. איך האָב אויך באַקומען אַ וואָרט, נאָר אָנשטאָט רעדן האָב איך פאָרגעלייענט מיינס אַ ליד געווידמעט מאַרקישן. ווען איך האָב געענדיקט לייענען די לעצטע ווערטער: "ווי לאַנג אַ יידיש ליד נאָך קלינגט / איז מאַרקיש נישט געשטאָרבן!" – האָט אסתר מאַרקיש זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און מיך אַרומגענומען, אַרויסשפּעטשענדיק מיט טרערן אין די אויגן: "דאָס זענט איר משה שקליאַר? אייער פאָטאָגראַפיע הענגט דאָך אויף דער וואַנט ביי מיר אין שטוב אין מאָסקווע"...

גערעדט האָט זי, פאַרשטייט זיך, וועגן דער פאָטאָגראַפיע וואָס מיר האָבן גענומען צוזאַמען מיט עמיאָטן און איר זון, דודן, בעת זיין באַזוך אין וואַרשע.

איך ווייס נישט צי אסתר מאַרקיש האָט גענומען מיט זיך די פאָטאָגראַפיע ווען זי איז עולה געווען קיין ישראל. ביי מיר האָט זי זיך פאַרהיט ביז היינטיקן טאָג ווי דער שענסטער אָנדענק פון די דריי באַגעגענישן.

## משה בן שלמה זאב (וואָלף)

# "ביי מיר ביסטו שיין" - ביז דעם לעצטן אויסהויך פון דער נשמה.

### (צום אָנדענק פון דעם באַרימטן יידישן זינגער משה עפּעלבאַום)

## א.

"שניידעריי איז געזאַנג און ניט קיין מלאָכה"
(מאיר חרץ)

נישטאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ שטאָט ווי אָדעס. זי איז געווען און פאַרבלייבט עד היום אַ זוניקער, גאַסטפריינדלעכער. אַ פילנאַציאָנאַלער, פילקלאַנגיקער קוראָרט און אָפּרו. זי האָט זיך שטענדיק אויסגעטיילט מיט אירע קאָנטראַסטירנדיקע ראַיאָנען (דער גרויסער אָדעסער פּלאַץ, די מאָלדאָוואַנקע, דער פּערעסיפּ, די לימאַנען, דער פאַרט און 16 "ליניעס", וואָס האָבן געפירט צום "גאָלד"-זאַמדיקן ים-פּליאַזש), געזעלשאַפטלעכע - (אַריסטאָקראַטישע, אַרטיסטישע, שרייבערישע האַרעפּאַשנע, אונטערוועלטיקע - גנבים און רוויבערס) - שיכטן. אָבער אַלע איינווינער, - באַזונדערס די יידישע באַפעלקערונג - האָט פאַראייניקט אַן אייגנאַרטיקע פריילעכקייט, אַ גרויסער חוש פון הומאָר און שאַרפזיניקייט, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין ספּעציפישן אויסרייד, אין דער מוזיק פון דעם יידישן "אָדעסער" לשון און אין דער איינגעבוירענער נטיה צו נגינה. דער ניגון האָט אין אָדעס געקייקלט זיך פון יאָר צו יאָר און פון דור צו דור. יעדע שטוב איז געווען פול מיט געזאַנג.

איז דאָך ניט קיין ווונדער, אַז אָדעס האָט געבוירן און אויסגעשולט אַ גרויסע צאָל וועלט-באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן, פידלער, אָפּערע - און עסטראַדע-אַרטיסטן, קלעזמערס, חזנים און זינגערס... איינער פון זיי, וועלכן איך האָב געהאַט די זכיה זען און הערן, איז געווען משה עפּעלבאַום.

געבוירן אין אָדעס, אין 1894. אין אַ שניידער-משפחה. אַלע אין שטוב - סיי די מאַמע, סיי די אַנדערע 4 קינדער האָבן געהאַט גוטע שטימען, און זייער אָפט פלעגן זיך טראָגן לידער פון שניידערס שטוב. "דער טאַטע פלעגט שטיין ביי אַ גרויסן טיש, אויף וועלכן ס׳זענען געליגן שטאָפן אויף צושניידן, ער איז געשטאַנען מיטן סאַנטימעטער אויף די אַקסלען, מיט דער שער אין דער רעכטער האַנט, מיטן קרייד אין דער לינקער האַנט און מיט דער נאָדל אין די ליפּן. די מאַמע פלעגט דערביי שיילן די קאַרטאָפליעס, די קינדער פלעגן ציען די פּאַסטריגעס, און אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען" ("סאָוועטיש היימלאַנד", נומ׳ 8, 1977, ז׳ 103). טאָקע צוליב דעם האָבן די אַרומיקע גוטמוטיק באַקרוינט די משפחה מיט דעם נאָמען "שיר-שער און אייזן עמך".

משה עפּעלבאַום האָט פון קינדוויַיז זיך אויסגעטיילט מיט זיין הויכן וווקס, פריילעכן און גוטמוטיקן כאַראַקטער, מיט דער נטיה נאָכצומאַכן און אימיטירן די מימישע אויסדרוקן און זשעסטן פון באַקאַנטע, פריינד און דעם טאַטנס קליענטן. אַלע פלעגן באַוווּנדערן זיין "אייזערנעם" זיכרון און ביז גאָר שאַרפן מוזיקאַלן הער-חוש. האָט ער געהערט נאָר איין מאָל אַ ליד, אָדער אַ מעלאָדיע אָן ווערטער, פלעגט ער זי פּינקטלעך איבערחזרן. נישט אין די קינדער-יאָרן, נישט שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען באַוווּסט אַלס אַרטיסט און אָפּערע-זינגער, האָט ער קיין מאָל ניט געלאָזט זיך לאַנג בעטן אויף צו באַווייזן זיין רייכע באַשאָנקענקייט מיט יידישער נגינה.

צו 6 יאָר האָט אים דער טאַטע אָפּגעפירט אין חדר. אויך דאָרטן האָט ער זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע מיט-תלמידים. באַזונדערס פלעגן זיך אים איינגעבן די

תפילותדיקע נגונים און די קריאה פון די שבתדיקע פרשות. צו 10 יאָר האָט ער זיי שוין געלייענט אויף אויסנווייניק, און אין שיל פעגט ער "כאַפּן" דעם בעל קריאה ביי ניט פּינקטלעכקייטן בעת אויסזינגען דעם טראָפּ.

אין חדר האָט דער יונגער משה זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן. אין דער רוסישער שולע איז ער אָנגענומען געוואָרן אַ דאַנק דעם טאַטנס פאַרבינדונגען און אַ דאַנק דעם חידושדיקן אויסזינגען דעם "אָזשע צאַריאַ כראַני", ער האָט זיך געלערנט מיט גרויס דערפאָלג, אָבער מיט "שלעכטער אויפפירונג". ער פלעגט זיך אַרויסגנבענען פון דעם קלאַס, (ווי פריער - פון חדר) און לויפן צום גרויסן אָדעסער פּלאַץ, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען דער פּרעכטיקער אָפּערע־טעאַטעד. דאָרטן פלעגט ער אָפּשטיין ביז ס'פלעגן זיך אָנצינדן די גרויסע לאַמטערנס און אינעם טעאַטער האָט זיך געטומען צונויפקלייבן דער עולם. די אַרטיסטן האָבן שוין גוט געקענט דעם יונגן פאַרכישופטן, אָרעמען און איינגעגעסענעם אָפּערע־ליבהאָבער. זיי פלעגן זיך דערבאַרעמען אויף אים און אַריינעמען אין טעאַטער. דאָ האָט זיך פאַר אים צעעפנט אַ פאַרכאַפנדיקע נייע וועלט. ער פלעגט שטיין אויף דער ווייטסטער גאַלעריי, אָדער הינטער די קוליסן, און זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע.

אין דער היים פלעגן וואַרטן אויף אים די אויפגערעגטע עלטערן, וועלכע האָבן געוווּסט וועגן דער אומגעהויערער חוצפה און ניט־דיסציפּלינירטקייט פון זייער זינדל. די שול־דירעקציע האָט ניט איין מאָל געוואָרנט די עלטערן, אַז ניט געקוקט אויף דעם זונס פעיקייטן און גוטע אָפּשאַצונגען, וועלן זיי מוזן אים אויסשליסן פון דער שולע. פאַר אַזעלכע "שטיק" פלעגט דער "תכשיט" אָפט כאַפּן שווערע פעטש פונעם טאַטן. נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן. דער טעטער איז געוואָרן זיין טרום. צו 16 יאָר אַנטלויפט משה עפּעלבאַום קיין קיעוו, צו אַ קרוב, און זוכט אַרבעט. ער "געפינט" זי... אין דעם קיעווער אָפּערע־טעאַטער, וווּ ער גייט אַדורך אַלע "אוניווערסיטעטן", אָנהויבנדיק פון אַ שוואַרץ־אַרבעטער, דערנאָך אַ באַדינער און אַ באַהעלפער אין צוגרייטן די דעקאָראַציעס און די אויסשטאַטונג פון דער בינע. אַלע זיינע פליכטן פילט ער אויס פריילעך, וויצלענדיק זיך און זינגענדיק.

צופעליק האָט איינער פון די אָפּערע־זינגערס דערהערט די שטים פון דעם בינע־באַהעלפער, וועלכער האָט בעת דער אַרבעט אויסגעזונגען אַן אַריע פון גלינקעס "איוואַן סוסאַנין". ווען דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט האָט דערזען ווער עס זינגט. איז ער פון התפעלות "פאַרשטיינערט" געוואָרן. ער איז צוגעלאָפן צום בחור, אָנגעכאַפּט אים פאַר דער האַנט און פאַראָרדנט: "קום שוין מיט מיר, דו מערזאַוויעץ איינער, איך וועל שוין דיר באַווייזן מיט וואָס פאַר אַן אַרבעט, דו גנבל איינער, דאַרפסט זיך פאַרנעמען. אַן איבערגעשראָקענער האָט עפּעלבאַום זיך געלאָזט פירן צו דעם דירעקטאָרס קאַבינעט, - זינג! און דערציייל שוין דאָ דעם אמת, ווער און פון וואַנען ביסטו? וואָס פאַר אַ פאַרברעכן ביסטו באַגאַנגען, וואָס מוזסט זיך אויסבאַהאַלטן אין אונדזער טעאַטער?! - האָט דער אויפגעבראַכטער זינגער שטרענג געפאָדערט פון עפּעלבאַומען.

די בייוועזנדע האָבן מיט נייגער געקוקט אויף דעם ריזיקן און צעמישטן יונג. זיי האָבן אים פאַרגעלייגט זינגען. דערהערנדיק זיין שטים, זענען זיי אַלע נשתומם געוואָרן.

* * *

פון דעם דאָזיקן אינצידענט הויבט זיך אָן עפּעלבאַומס זינגערישע קאַריערע. מען לאָזט אים אַרויס אויף דער בינע. צום אָנהויב - אין קליינע עפּיזאָדן, אין שטומע ראָלן,

דערנאָך אין כאָר, און ענדלעך זינגט ער אין דער אָפּערע "דעמאָן" די ראָל פונעם דעמאָן: אין דער אָפּערע "ציגײַנערישע ליבע" - דעם אַלטן ציגײַנער.

לאַנג אָבער האָט עפּעלבאַום זיך אינעם קיעווער אָפּערע-טעאַטער ניט פאַרהאַלטן. קיין מוזיקאַלישע בילדונג האָט ער דאָך נישט געהאַט - צו די נאָטן איז ער ניט געווינט געוואָרן. האָט מען אים פאָרגעלייגט גיין זיך לערנען - גרייטן זיך צו די עקזאַמענס. אָבער אויף דעם האָט ביי אים קיין געדולד ניט געקלעקט. משה עפּעלבאַום האָט געהאַלטן, אַז דאָס זינגען לויט נאָטן איז אויף קיין העלפט ניט אַזוי פריי, ווי דאָס זינגען לויטן זיכרון. דער זיכרון - פלעגט ער זאָגן - גייט ווייטער פון די נאָטן. ער נעמט אַריין יעדן געדאַנק, יעדן צאַפּל פון האַרצן. אַחוץ דעם האָט עפּעלבאַום געהאַט אַן אומרויִקע נאַטור. אים האָט זיך געוואָלט וואַנדערן, אָנקוקן די וועלט. עס הויבט זיך אָן פאַר אים אַ נייער עטאַפּ פון וואָגלעניש (צוזאַמען מיט די וואַנדער-טרופּעס פון רפאלן און פישזאָנען.) ער שטייט אויס אַלע רדיפות, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף די יידישע טעאַטערס. אין די יאָרן פון בירגער-קריג אין אוקראַינע פאַלט ער אַריין מיט אַ גרופּע יידישע אַקטיאָרן אין די הענט פון מאַכנאָ. על-פּי ניסים גיט זיך זיי איין אַנטלויפן. דערנאָך קומען יאָרן פון ווייטערע וואָגלענישן מיט יידישע טרופּעס, עפּעלבאַומס אַקטיאָרישער טאַלאַנט ווערט אַלץ רייפער. ער ווערט דער ליבלינג פון דעם יידישן צושויער אין די שטעט פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

אין 1929 פאָרט עפּעלבאַום אַרויס אויף גאַסטראָלן אין אויסלאַנד - אַמעריקע, פראַנקרייך, אַרגענטינע, אומעטום טרעט ער אַרויס מיט גרויס דערפאָלג. זיינע פאַרשיידענע פּראָגראַמען באַשטייען מערסטן טייל פון פאָלקס-לידער. זיין נאָמען ווערט ברייט באַוווּסט. צוריק אין ראַטנפאַרבאַנד קערט ער זיך אום אין 1931. דאָ איז ער ממשיך זיין זינגען און שפּילן.

יאָ! - שפּילן. משה עפּעלבאַום האָט געשפּילט אַלע הויפּט-ראָלן אין יעקב גאָרדינס פּיעסן. ער האָט אויך געשפּילט דראַמאַטישע ראָלן. זיין "אוריאל אַקאָסטאַ" איז געווען אַ מוסטער פון דערהויבנקייט, פון אָנגעשטרענגטער העראָישקייט; זיין "בר-כוכבא" איז געווען אָנגעזעטיקט מיט מוט און שטאָלץ, מיט עכטע שטריכן פון אַ קעמפער. אין "שולמית" איז זיין אבישלום איבערגעפולט מיט וואַרעמקייט און מיט טיפער עמאָציאָנעלקייט.

מבינים - מוזיקאַלע - און טעאַטער-קריטיקער, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו ריידן, פלעגן דערקלערן, אַז די יסודות פון עפּעלבאַומס מייסטערשאַפט באַשטייען אין דער אויסדריקלעכקייט פון זיין זינגען, אין גלענצנדיקן באַהערשן די קונסט פון אינטאָנאַציע, אין דער בילדערישקייט פון זיינע זשעסטן, אין זיין אייגנאַרטיקער קונסט פון באַוועגנוגען און אויסדריקלעכער מימיק זיך איבערקערפּערן און שאַפן נייע בילדער. אויך מ. עפּעלבאַומס באַריטאָן האָט געהאַט זיינע אייגנאַרטיקע שטריכן. ער איז געווען אַ געדיכטער, אַ גלעטנדיקער מיט אַ זייער ברייטן דיאַפּאַזאָן. ס'איז ניט געווען קיין איין באַריטאָן-פּאַרטיע, אָנהייבנדיק פן די סאַמע נידעריקסטע, אַז משה עפּעלבאַום זאָל זי ניט קאָנען בייקומען. אין זיינע לירישע ראָמאַנסן, פאָלקס-לידער און אין אייניקע אַריעס, פלעגט ער זיך אָפּט באַנוגענען מיט אַ העלפט פון זיין שטים, מיט אַ פערטל און מיט אַן אַכטל. דער שטילסטער קלאַנג, אַרויסגעבראַכט ווי אַ סוד, ווערט נישט פאַרלוירן, פלעגט דערגיין אין יעדן אויער און אין יעדן האַרץ.

אין 1937 ווערט מ. עפּעלבאַומען צוגעאייגנט דער ערן-טיטל "פאַרדינסטפולער

אַרטיסט פון דער רוסישער פֿעדעראַציע". אין 1943 טרעפֿט זיך עפּעלבאַום מיט דער באַרימטער אַרטיסטין קלאַראַ יונג און שליסט זיך איין אין איר טרופּע. אין גיכן, אָבער, הייבט ער אָן ווידער צו גאַסטראָלירן אַליין אַלס זינגער. אין יענע יאָרן דערגרייכט זיין מייסטערשאַפֿט די העכסטע מדרגה. ער נעמט אָן די איינלאַדונג פֿון "לענקאָנצערט" און פֿאָרט אַריבער קיין לענינגראַד אויף שטענדיקן וווינען.

אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה, ווען אויף די סאָוועטן זענען אָנגעפֿאַלן די נאַצישע חיילות, גייט מ. עפּעלבאַום פֿרייוויליק אַוועק אויפֿן פֿראָנט. מען שליסט אים איין אין אַרטיסטישע פֿראָנט-בריגאַדעס. אין יענער צייט טרעט ער אַרויס מיט פּאַטריאָטישע לידער און אַריעס, צוזאַמענסטן אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס ווערן אויפֿגענומען מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם און דערפֿאָלג. ער ווערט פֿאַרבעטן אָנטיילצונעמען אינעם פֿילם "נאַשעסטוויע" ("אינוואַזיע"). אין דעם דאָזיקן פֿילם שפּילט ער איינע פֿון די הויפּט-ראָלן - דעם דייטשישן גענעראַל.

נאָך דער מלחמה איז משה עפּעלבאַום נאָך מער ווי פֿריער אַקטיוו אַלס עסטראַדע-זינגער. ניט געקוקט אויף דעם אָנוואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין דער סאָוועטישער אימפּעריע און באַגרענעצונגען אויף יידישע אַרטיסטישע אונטערנעמונגען, שליסט עפּעלבאַום אַריין אין זיינע קאָנצערטן יידישע פֿאָלקס-לידער. זיין ספּעציפֿישע אינטערפּרעטאַציע פֿון פֿאָלקס-ליד פֿלעגט אַרויסרופֿן באַוווּנדערונג ביי דעם עולם. ווי ס'איז שוין אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, האָט מ. עפּעלבאַום ניט בלויז געזונגען, נאָר אויך געשפּילט, געמאָלט און פֿאַרגעשטעלט דעם צושויער דעם אינהאַלט, די אומשטענדן און די געשטאַלטן פֿון די פּערסאָנאַזשן, וועלכע טרעטן אַרויס אין ליד. אָט זינגט ער דאָס ליד "מחותנים גייען", במשך פֿון עטלעכע מינוטן, אַ דאַנק זיינע זשעסטיקולאַציעס פֿון קערפּער, באַוועגונגען פֿון זיינע פֿינגער און כהרף-עין-דיקע ענדערונגען פֿון זיין אויסדריקלעכער מימיק, דערזעט דער צושויער אַ גאַנצע גאַלעריי פֿון לעבעדיקע טיפּן, וועלכע רופֿן אַרויס געהעריקע געפֿילן און טיפֿע איבערלעבונגען: אין ווינטער-ליד "דער בעל-עגלה" ווערט דער ברייט-פֿלייציקער, שלאַנקער אַרטיסט אין איין אויגנבליק פֿאַרוואַנדלט אין אַן איינגעהויקערטן און ציטערנדיקן פֿון פֿראָסט, אַלטן בעל-עגלה, וואָס באַהאַלט זיך אין דער בויד פֿונעם שליטן. און ווען זיין באַריטאָן שרייט אויס "וויאָ פֿערדעלעך, וויאָ!" דערפֿילט דער צושויער "אויף זיין אייגענער הויט" די קעלט, די וויזגע און דעם שמייסנדיקן מיטגעפֿיל צו די פֿערדעלעך-"אָדלערלעך", וועלכע באַמיען זיך פֿירן דעם שליטן איבער דעם פֿאַרשנייטן שליאַך; ווען משה עפּעלבאַום זינגט דאָס פֿאָלקס-ליד "אַ חזן אין שטעטל" באַווייזט זיך פֿאַר אונדזערע אויגן די פּאַנאָראַמע פֿונעם שטעטל, פֿון דער אָרעמער שטעטלדיקער שיל. דער צושויער ווערט אַנטציקט פֿון דעם, וויאַזוי דער זינגער גיט איבער יעדע כאַראַקטעריסטישע אינטאָנאַציע פֿון דעם חזן; אין ליד געווידמעט דער "יידישער מאַמע" פֿלעגט ער אַריינלייגן אין יעדן קלאַנג, אין יעדן וואָרט, אין יעדער ווענדונג צו דער מאַמען, וועלכע איז "דער טייערסטער אוצר אין דער וועלט", אַזוי פֿיל ליבע, צערטלעכקייט און בענקשאַפֿט, אַז טרערן פֿלעגן זיך שטעלן אין די אויגן - ביי אַלט און יונג.

אָבער מיט יעדן חודש זענען אַרויסטרעטונגען פֿון יידישע אַרטיסטן און זינגערס, און בתוכם אויך עפּעלבאַומס קאָנצערטן, געוואָרן אַלץ זעלטענער. יעדער קאָנצערט איז דערלויבט געוואָרן נאָך לאַנגע מאַטערנישן, אָפּשלעפּענישן און באַליידיקונגען. אין די וויכטיקסטע קולטור-צענטערס: קיעוו, מינסק און מאָסקווע איז אָנגעגאַנגען די פּראָצענט-נאָרמע - ניט מער ווי צוויי מאָל אַ יאָר.

ווי ס'איז גוט באַוווסט איז אין די יאָרן 1948 ביז 1956 ביי 3 מיליאָן רוסלענדישע יידן אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון, דאָס יידישע וואָרט. די גרעסטע מערהייט שרייבערס, קינסטלערס, קולטור־טוערס, וועלכע עס האָט "אָפּגעגליקט" ניט צעשאָסן ווערן, האָבן געשמאַכט אין די סטאַלינישע טורמעס און צוואַנגס־לאַגערן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער "יידישער שאַליאַפּין" משה עפּעלבאַום.

## ב.

"ווי גוט, וואָס ביסט צו מיר אין מאָרגנפרי געקומען
נאָך איידער ס'איז מיין האַרץ פון ווייטיק אויסגערונען"
(הדסה רובין. "מענטשן־ליבע"
ירושלימער אַלמאַנאַך תשנ"ז ז' 62)

די ידיעות וועגן עפּעלבאַומס לעבן אין די שטראָף־לאַגערן זענען זייער קאַרג. משה עפּעלבאַום גופא, האָט וועגן די דאָזיקע איבערלעבונגען זיך אָפּגעזאָגט צו דערציילן. אין דעם איין־און־איינציקן אַרטיקל אין "סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ' 8 1977) "משה עפּעלבאַום - דער יידישער שאַליאַפּין" (פון זלמן קאַהאַן) איז דער קאַפּיטל פון דעם זינגערס אָפּקומעניש, באַליידיקונגען און ליידן אין די טערמעס און אין דעם גולאַג־גיהנום אַדורכגעלאָזט, קיין איין וואָרט נישט, אַז ער איז בכלל אַרעסטירט געוואָרן. נאָר פון די שפּעטערדיקע זכרונות פון יוסף קערלערן ("12 אויגוסט" 1952, ז' 161) און פון נאָטע לוריעס מינדלעכע דערמאָנונגען (ביידע שרייבערס האָבן געשמאַכט אין די זעלבע לאַגערן) און אויך פון אַ ריי רוסישע מיט־לאַגערניקעס, איז באַוווסט געוואָרן, אַז פון צייט צו צייט, מחמת די סאָוועטישע פייערונג־טעג, פלעגט די לאַגער־אָנפירונג אַריינשטעלן אים אין די פּראָגראַמען פון די זעלבסטעטיקע קולטור־אונטערנעמונגען. ער פלעגט זינגען פאַרשיידענע אוקראַאינישע פאָלקסלידער, ראָמאַנסן און אַריעס. די לאַגערניקעס און די בייוועזנדע אָנגעשטעלטע האָבן אים פאַרגעטערט, דערפאַר ווייל אפילו דאָרטן, פלעגט ער די גאַנצע ריזקראַפט פון זיין טאַלאַנט און פון דער מעכטיקער שטים אַריינאָטעמען אין יעדער ליד באַזונדער. ער פלעגט דאָס טון גערן, ווייל "ניט זינגען איז פאַר אים געווען אוממעגלעך". אַ חוץ דעם האָט זיין אָנטיילנעמען אין די דאָזיקע קאָנצערטן געגעבן אים די מעגלעכקייט עטלעכע וואָכן (טעג) ווערן באַפרייט פון דער טאָגטעגלעכער עבודת־פּרך.

י. קערלער, ע"ה, דערציילט, אַז ער פלעגט "ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה" אַרומגיין און ברומען: - "איך מוז זינגען".

נאָטע לוריע דערציילט, אַז דער לאַגער איז געווען פאַר זיי "אי אַ גיהנום, אי אַ געלייטערקייט, ווי אַ מין קאַפּוירקייט". "מיר פלעגן זיך דאָרט, די פאָר יידן, צונויפרוקן באַ עמעצן אויף דער אונטערשטער נאַרע און שטילערהייט אויסברומקען כל־נידרי ווי ווער ס'האָט געקענט". משה עפּעלבאַום האָט טאַקע מייסטעריש "געברומט", דעם ניגון, נאָר - אָן ווערטער.

אַ קראַנקער, מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַ פּוסט־טראַמבאָזע, אין סוף 1955, איז משה עפּעלבאַום באַפרייט געוואָרן פון לאַגער. אין גיכן האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין עבודת־קודש. ער פלעגט גרייטן נייע פּראָגראַמען. אומעטום פלעגט אים די יידישע באַפעלקערונג אויפנעמען מיט באַגייסטערונג. צווישן די לידער, וועלכע ער פלעגט מיט גרויס וואַרעמקייט אויספילן, איז געווען אַ ליד, געווידמעט זיין פרוי, ראָזע - אַן אַקטריסע - "ביי מיר ביסטו שיין".

ניט געקוקט אויף דער אָנוואַקסנדיקער קראַנקהייט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו

זינגען, בעת די שטאַרקסטע ווייטיקן פלעגט ער שטיין אויף דער בינע, - שלאַנק, ניט געבויגן און שמייכלען. זיין באַריטאָן האָט געקלונגען מיט דער גאַנצער קראַפט. זיין לעצטער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין 1957. איידער אַרויסגיין פון שטוב, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי: - היינט, רשזע, וועל איך זינגען נאָר פאַר דיר.

ער האָט אָנגעהויבן דעם קאָנצערט מיט דעם ליד "ביי מיר ביסטו שיין":

"כ'האָב געוואַנדערט איבער וועגן פון מיין לאַנד,
געליטן כ'האָב פון הונגער און פון קעלט.
נאָר גוט איז מיר געווען צו גיין מיט דיר באַנאַנד,
מיט מיין ליבער, מיט דער שענסטער אין דער וועלט"

מיטאַמאָל איז ער געוואָרן בלאַס און האָט אָנגעהויבן אָפּט צו אָטעמען. זיין פרוי, האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער בינע. מיט אַן אויסדריקלעכן זשעסט האָט ער זי פאַרהאַלטן און אויסגעזונגען דעם רעפרען:

"ביי מיר ביסטו שיין,
ביי מיר האָסטו חן,
ביי מיר ביסטו טייערער פון געלט.
ביי מייי ביסטו פיין,
וועסט אייביק ביי מיר זיין,
ביי מיר ביסטו...

...ער האָט פאַרלוירן זיין באַוווסטזיין און איז אַוועקגעפאַלן.

אין שפּיטאָל האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

טויזנטער ליבהאָבער פון זיין נגינה זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער באַליבטן זינגער. צו קבורה האָט מען אים געבראַכט אויפן לענינגראַדער יידישן בית עולם.

ברוך יהי זכרו!

---

מיר באַגריסן הארציק אונדזער מיטאַרבעטער און פריינד

דעם שרייבער און לעקטאָר

# ד"ר משה וואָלף

צום ווערן אַ בן שמונים און ווינטשן אים

נאָך לאַנגע, געזונטע און שעפערישע יאָרן

צוזאַמען מיט זיין פרוי, קינדער און אייניקלעך.

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"**

**פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור-קלוב אין ל.א.**

עקיבא פישבין / ירושלים

# חיים סוטין קומט קיין פּאַריז

אין יאָר 1913 קומט חיים סוטין קיין פּאַריז. דאָס לעבן אינעם תחום המושב איז אים נמאס געוואָרן. וואָס איז דאָס פּאַר אַ לעבן - כ'בעט אייך - אין אייביקן פּחד? דער אַנגסט האָט געטאָטשעט זיין נשמה; דאָס געמיט אים פאַרשוואַרצט. ווי לאַנג איז דער שיעור צו ליידן? אַן עק מוז ער מאַכן צו אַלעם.

ובכן, האָט ער באַשלאָסן - משנה מקום משנה מזל! אָט, נעמט למשל זיין חבר פּנחס קרעמען פון דער ווילנער קונסט־שולע. זעקס וואָכן בלויז איז ער אין פּאַריז און שרייבט פון דאָרט גאָלדענע בריוו.

"אין פּאַריז אָטעמט מען פריי! - שרייבט ער, פּנחס. - דאָ איז נישט דער תחום המושב. דאָ גייט אָן אַ גרויסע פרייע טואונג פון יונגע קינסטלער - היגע און געקומענע פון דער גאַנצער וועלט. מופתים באַווייזט די יונגע חברה. און הגם דאָס לעבן אין דער פרעמד איז נישט קיין צוקערל, איז דאָך כדאי איר זאָלט אַהער קומען. יאַקאָש טוט מען זיך אַן עצה, מען קומט איבער דעם טאָג"...

פון קרעמענס רייד האָט חיים סוטין געדרונגען, אַז פּאַריז וואָלט אפשר געווען אַ רפואה צו זיין מעמד - צום שווערן געמיט זיינעם. אויף דער פרייער לופט פון פּאַריז קאָן ער אַ מאָל פּטור ווערן פון דעם אַנגסט און פּחד זיינעם. ער וועט אין פּאַריז ווערן אַ צווייטער מענטש; ער וועט אַנדערש קוקן אויפן לעבן, די וועלט אַנדערש זען...

איי, וועט איר פרעגן - נו, און דעם טאָג איבערצולעבן? מילא, הונגערן, צו דעם איז ער געוווינט; אַ גאַנץ לעבן קומט ער אָפּ אין הונגער און נויט! באַדיי אין נויט לעבן און אַן עק זאָל עס נעמען צום אייביקן פּחד זיינעם!

חוץ מזה - פּאַריז איז נישט מינסק און נישט ווילנע. אַ קליייניקייט - פּאַריז! וויניק אָנגעהערט האָט ער זיך וועגן פּאַריזער לוווּר־מוזעום? וועגן די אימפּרעסיאָניסטן? פּאַריז איז דאָך אַ וועלט אַ גאַנצע! נישקשה, דאָרט קאָן מען לערנען תורה. איצטער, די יונגע חברה קינסטלער דאָרט אין פּאַריז; זיי רודערן הערט ער, אויף טיש און אויף בענק... פאַראַן וואָס צו נאַשן אין פּאַריז. הקיצור, ער וועט אין פּאַריז אויפלעבן!

ווי זאָגן יידן - משנה מקום משנה מזל!

און חיים איז אַוועק קיין פּאַריז. ס'ערשטע, ווי דער שטייגער, דאַרף מען דאָך האָבן וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. איז קודם כל - אויפזוכן זיין חבר קרעמען.

פּנחס קרעמען האָט געוווינט אין די שלעסער פון מלך אביון. ס'הייסט אין אַ ווינקל פון א"ג "לאַ ריש", וואָס האָט, אין יענע יאָרן, געשטעקט אין אַ פאַרוואָרפענער העק דרומדיק אויסער פּאַריז. זיך דערשלאָגן צום "לאַ ריש" איז דעם אָרעמען בחור נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט.

אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה, מיט אַ זעקל אויף דער פּלייצע - האָט קרעמען אַ מאָל דערציילט - האָט זיך חיים צו אים אַריינגעשטעלט מיט אַ פּזמון -

-פּנחס, כ'בין דאָ!

וועט איר פרעגן - וואָס איז עס אַזעלכעס דער אַ "לאַ ריש" וואָס אויף ריין מאַמע־לשון וויל עס זאָגן - דער בינשטאָק?

אינעם מקום "לאַ ריש" האָבן געלעבט און געשאַפן יונגע קינסטלער, אַן אָנלויף, דער עיקר, מארבע פּינות עולם; דאָרט האָט גערוישט טאַקע ווי אין אַ בינשטאָק.

קינפּטיקע מייסטער פון "עקאָל דע פּאַרי" (פּאַריזער שולע) און בתוכם ס'רוב קינסטלער אחינו בני ישראל, האָבן דאָרט פאַרבראַכט זייערע יונגע יאָרן. אין "לאַ ריש" האָט זיך געקייטלט אַ פּילפּאַרביק קאַפּיטל פון דער מאָדערנער קונסט. מחמת דער באַדייטונג זיינער איז דער "לאַ ריש", היינט צו טאָג, אָפיציעל אַ "היסטאָרישער מאָנומענט".

* * *

אין די סופיקע יאָרן פון 19־טן י"ה הערשט ביי צאָלרייכע קינסטלער, און דער עיקר ביי יונגע, אַ קעגנערשאַפט צו דער נאַטוראַליסטישער קונסט די אויסגעהוילטע פון יעדן אידעאַל. די אָ קונסט טוט באַשיינען די שלעסער פון אַרויפגעאַרבעטע לייט אינעם עקאָנאָמישן אויפשטייג. קלאָר, אַז דער אָ סגאַל קינסטלער האָט אַ שיין אויסקומעניש ברוך השם... זיי הערן נישט, און זיי זעען נישט דעם אַנגסט פון אויסגעוואָרצלטן מענטש, דעם קרבן פון רעשן עקאָנאָמישן פּראָגרעס, באַגלייט פון רשעות און ווילקיר.

די יונגע קינסטלער, זיי - זעט איר - האָבן דווקא יאָ אַן אידעאַל; זיי שטרעבן צו אַ מאָדערנער געזעלשאַפט וואָס זאָל זאָרגן פאַרן וווּיל פון מענטש. די פּלאַסטישע קונסט, האַלטן זיי, דאַרף זאָגן איר וואָרט, גענוי ווי די שרייבערס און פּאָעטן. ובכן, זוכט מען אַ ניי קינסטלעריש לשון, נייע פּלאַסטישע פאָרמען אַז צו די פאַרגליווערטע עסטעטישע באַגריפן זאָל נעמען אַ סוף.

פּאַריז איז אין סוף 19־טן און אָנהייב 20־טן י"ה אַ קוזשניע פון כל מיני עסטעטישע נייעסן. אין פּאַריז הערט מען אַ פרישׂ לעבעדיק וואָרט; דאָרט פאַרנעמט זיך די קונסט אויף פרישע באַנייטע וועגן.

הכלל, דאָס יונגוואַרג, וואָס האָט דערהערט די בשורות פון פּאַריז - אַ חברה פון "אוראַל און פון מיסיסיפּי" (אַ מימרא פון אַ פּאַרשער) - האָט גענומען זיך באַהעפטן מיט פּאַריז. די דאָזיקע יוגנט איז פול מיט ענטוזיאַזם, רייך אין געוואָגטע רעיונות, מיט אַמביציעס אָן אַ שיעור; טאַשן האָבן זיי ליידער געהאַט ליידיקע. קריאת ים סוף איז פאַר זיי געווען צו געפינען אַ שטיקל פּלאַץ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, ווו זיך אַוועקצושטעלן עפּעס טאָן...

העלפט גאָט און ס'איז געשען אַ נס! אַ רייכער סקופּטאָר, אַ פילאַנטראָפּ, מיטן נאָמען בושע, האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן דעם מקום "לאַ ריש" און - ער האָט די יונגע חברה קינסטלער אַרויסגעשלעפּט פון דער וווינונגס־נויט. אין "לאַ ריש" האָט מען זיך באַנעסטיקט פאַר אַ שבוש.

* * *

אין דעם אָ "לאַ ריש" האָט חיים סוטין גענומען מקיים זיין די פּרשה משנה מקום משנה מזל. מילא, משנה מקום...

זעט איר, מיטן משנה מזל האָט דער אָרעמער חיים ליידער נישט געטראָפן. דער מקום איז געווען פאַר אים אַ קלאָגעדיקער. און צו זיינע בראַנדיקע ליידן האָט קיין עק נישט גענומען. זיינע האָפענונגען צו לעבן אין רו זענען אויסגערונען, ווי דער גוטער וויין פון אַ געשפּאַלטענער כלי... געוואַלד! געוואַלד! וועט איר פרעגן - וואָס איז דאָ געשען? האָט קרעמען פאַרפירט זיין חבר סוטין ער זאָל אין "לאַ ריש" ליידן אַ דין? ניין! דאָס לייגט זיך נישט אויפן שכל. פּנחס קרעמען האָט דעם אָרעמען סוטינען נישט געוווּנטשן קיין שלעכטס. אַלע יידישע קינסטלער, געקומענע קיין פּאַריז מיט אַ פּאָר דראָבנע רובל אין טאַש, האָבן זיך באַנעסטיקט אין "לאַ ריש". זיי האָבן דאָ, אמת, געטאָטשעט די בידע,

געוואָרן אויסגעריסן פון הונגער און קעלט, אָבער ווערק האָבן זיי געשאַפן גרויסע און שלום געמאַכט מיטן גורל. אדרבא, הערט וואָס די יידישע קינסטלערין חנה אָרלאָוו דערציילט וועגן יענע יאָרן אין פּאַריז.

"אויפן דעמאָלט נאָך "דאָרפישן" מאָנפּאַרנאַס איז געווען אַ מחיה צו לעבן. דאָס לעבן איז געווען פריי, ווי דער ווינט! און דערצו - אַ ביליקייט; אַלץ איז געווען בזול. אַן אמתער גן־עדן! מיר אַלע זענען געווען יונג; די נויט - ווער האָט געהאַט אין זין די נויט?... חברה האָט זיך געלאָזט ווױלגײן. בכדי זיך אָנצוואַרעמען איז מען ביי אַ טיי אָפּגעזיצן אין קאַפעהויז ביז שפּעט אין דער נאַכט. דעם באַלעבאָס האָט דאָס נישט געאַרט; ער האָט גוט פאַרשטאַנען די פּראָבלעמען פון די יונגע קינסטלערס. הקיצור, אַן אמתער גן־עדן"...

איז אָבער די מעשה - פאַר איינעם איז דאָס לעבן אַ גן־עדן, און פאַר אַ צווייטן אַ גיהנום...

פאַר חיים סוטין איז דאָס לעבן געווען אַ גיהנום. ער האָט אין דעם "לאַ ריש" געליטן אַ דין! מילא, מיטן הונגער וואָלט ער יאַקאָש דורכגעקומען. ער פלעגט טייל מאָל זיין אַ טרעגער אויפן נאָנטן וואָקזאַל און כאַפּן אַ פּאָר פראַנק איבערצוקומען אַ פּאָר טעג. חוץ מזה, פלעגט פון צייט־צו־צייט פאַרפאָרן צום "לאַ ריש" אַ יידישער קרעמער פון פּאַריזער "פּלעצל" און די הונגעריקע יידישע חברה האָט ביי אים געקריגן אויף באָרג אַ לעבל ברויט, אַ הערינג, אַ ציבעלע.

איר וועט שוין באַצאָלן - פלעגט דער ייד זאָגן - גאָט איז אַ טאַטע. נעמט און עסט!"

איז מיטן הונגער וואָלט ער, שוין יאַקאָש, חיים, זיך אַן עצה געגעבן. און אויך די וויסטע פּלאָג פון וואַנצן וואָלט ער פאַר ליב גענומען. איז אָבער די צרה, וואָס בשכנות מיטן "לאַ ריש" איז איינגעשטאַנען דאָס פאַריזער שעכטהויז...

גוואַלד! אַזאַ אומגליק!

דער ריח פון בלוט האָט פאַרפעסטעט די לופט אין דער סביבה! דאָס אייביקע רעווען פון די בהמות האָט געלעכערט דעם קאָפּ!

דאָס רעווען פון די בהמות האָט אים צוריק געפירט צו יענער סצענע אין דער סמילאָוויטשער יאַטקע. ער האָט דאָך אַזוי גערעוועט, ווען דער קצב האָט אים געקאַטעוועט אָן רחמנות... אַנגסטיקע וויזיעס האָבן זיך געקייטלט אין זיין קאָפּ. דער געשטאַנק פון בלוט האָט אים אַרויפגעפירט אויף די גערעדערייען וועגן פּאָגראָמען, מיט וועלכע ער האָט זיך אָנגעהערט קינדווייז אין סמילאָוויטשי... די רייד וועגן געשאָכטענע יידישע קינדער... אוי, האָט ער זיך קינדוויז דערפאַר געשראָקן...

דער פּערמאַנענטער אַנגסט, אַ מוראדיקער פּחד, האָט דעם בחור נישט געלאָזט לעבן. "כ'וויל נישט דערטרונקען ווערן אין מיין אייגענעם בלוט" - האָט אַן געשריי צעשפּאַרט זיין ברוסט.

...און זיין פּענדזל האָט גענומען רעאַגירן - שרייען מיט דער שפּראַך פון פאַרבן; מיטן לשון פון פאָרמען ענטפערן. דער אָטעם פון זיין אומרויק געמיט איז אַרויף אויף זיינע בילדער.

# אַ טרער אויפֿן קבר פֿון יידישן קינסטלער אברהם קראַל

לאָמיר באַטאָנען תיכף ומיד - אברהם קראַל איז געווען אַ גרויס-מייסטער, אַ ווירטואָז פֿון גראַפֿישן שטריך, ער איז געווען - בלי שום ספק -אַ קינסטלער בחסד עליון! ער פֿלעגט אין אַ ליניע פֿאַרפֿלעכטן אַ ניגון. און טאָמער אַמאָל האָט זיך קראַל צעזונגען מיט אַ גראַפֿישער פּאָעמע, דאָ איז געוואָרן אגיל ואשמח! דאָ האָבן ליניאַרע אַקאָרדן זיך צעפֿינקלט מיט בליאַנקעדיקן חן, און מיט טיפֿקייט פֿון מחשבה פֿאַרצויבערט. ווייל וויסן דאַרפֿט איר רבותי - אברהם קראַל איז געווען אַ ייד אַ דענקער!

הינטער די אויסגראַווירטע פֿאָרמען פֿון די קראַל-יצירות האָט געחלומט אַ נשמה. יעדע שאַפֿונג פֿון אברהם קראַל וויברירט מיט געדאַנקען, וועלכע פֿלעגן וויקלען זיך אין זיין מוח - געדאַנקען און פּראָבלעמען וואָס האָבן געמאַטערט זיין געמיט. קראַל האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין ווי אַזוי האָט דאָס דער בן אדם פֿאַרלוירן דעם צלם-המענטש און געוואָרן אַ ווילדע בעסטיע - אַ חיה רעה!

אַ לעבן-לאַנג האָט ער געזוכט די תשובה, געזוכט ביי די ריזן פֿון גייסט, און מעדיטירט, אין שאָטן פֿון זייערע ווערק, אויף זיין שטייגער, ס'הייסט אין פֿאָרעם פֿון וווּנדערלעכע סידרות אויסגראַווירטע שאַפֿונגען.

אַ בחורל פֿון נייַנצן יאָר איז אברהם קראַל אַריינגעפֿאַלן קיין פּאַריז. ער האָט דאָ ברייט צעעפֿנט אַ פּאָר אויגן. דאָס פֿינקלעניש און בליצעניש פֿון קולטור און קונסט האָט אים פֿאַרבלענדט, ער האָט דאָ אָן אַ גרענעץ געגאַשט, געלערנט און געלערנט, און דאָך - זיין יידיש פּנים האָט ער נישט פֿאַרלוירן! דאָס ליכט וואָס זיינע אבות האָבן אָנגעצונדן האָט זיך ביי אים נישט אויסגעלאָשן. ער, דער ווירטואָז פֿון שטריך און ליניע, דער אַריסטאָקראַט פֿון זויבערער עסטעטיק, ער איז ביז צו זיין לעצטן אָטעם, פֿאַרבליבן אַ פֿאָלקסמענטש, פֿאַרוואָרצלט טיף אין דער יידישער גלעבע פֿון פּוילן.

דאָס גאַנצע קרעאַטיווע לעבן פֿון אברהם קראַל איז דורכגעפֿלאָכטן מיט יצירות, וועלכע שפּאַרן אָן אין אונדזער הייליקן קולטור-אוצר. דאָס לעצטע גראַנדיעזע ווערק זיינס, פֿאַרן אַוועקגיין אין דער אייביקייט, איז די ווונדערלעכע שאַפֿונג - דריי און צוואַנציק גרויסע גראַווירן - פֿון ספֿר "איכה". קום מיט אַ חודש צוריק אין זיין וווינונג האָט ער מיט שטאָלץ פֿאַר מיר אויסגעוויקלט די מגילה פֿון זיין שוואַנען-געזאַנג. און גלייך דערביי האָט ער מיר מודיע געווען, אַז ער איז אין פֿולן ברען פֿון אַרבעט איבער אַ סידרה שאַפֿונגען אויף דער טעמע פֿון "אסתר המלכה".

די דאָזיקע סידרה פֿון קינסטלער אברהם קראַל וועלן מיר שוין לײדער נישט זען... אַ שאָד! דער ווירטואָז האָט זיין ניגון נישט פֿאַרענדיקט... ער איז אַוועקגעריסן געוואָרן פֿון דער וועלט אין די סאַמע גבורות פֿון זיין שעפֿערישער פּאַטענץ! אַ שאָד, א שאָד!!!

לאָמיר די פּאָר ווערטער פֿון טרויער ענדיקן מיטן ווערק פֿון אברהם קראַל - "קדיש" - אַ יצירה געשאַפֿן פֿאַר "די קופּע" פֿון פּרץ מאַרקיש אין דער גלענצנדער פֿראַנצויזישער איבערזעצונג - איבערדיכטונג פֿון שאַרל דאָבזשינסקי.

ע.פּ.

משה דוד חייט / ירושלים

# איר בליק שטייט מיר פאַר די אויגן


שירה גאָרשמאַנס לעצטער פאָטאָגראַף

איר שאַרפער בליק שטייט מיר פאַר די אויגן און איר דינע עטוואָס ציטערנדיקע שטים אין די אויערן. איר פּנים מיט פאַרשידענע קנייטשן און עטוואָס צוגעקוועטשטע ליפּן ביים רעדן קען איך ניט פאַרגעסן.

ווען איך האָב מיט פיל יאָרן צוריק איבערגעלייענט שירה גאָרשמאַנס דערציילונג וועגן איר געבורט שטעטל קראָק ווו זי דערמאָנט מיין זיידע ע"ה, האָב איך באַשלאָסן איר אָנצוקלינגען. איר טעלעפאָן־נומער האָב איך באַקומען אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד”.

- וואָס? איר זייט מערע־ליבעס זון? - הער איך פון דער צווייטע זייט טעלעפאָן.

- פאַרוואָס וווּנדערט עס אייך? - פרעג איך איר.

- ווייל איך געדענק מעראַלען, אייער מאַמע ווי אַ קליין שיין מיידעלע און איצטער הער איך אַ שטים פון אַ דערוואַקסענעם, ווי איך פאַרשטיי, זון אירן.

- דאָס לעבן שטייט ניט אויף איין אָרט, די יאָרן לויפן.

- איר זייט גערעכט. נו, וואָס טראַכט איר אַ סך, קומט טאָקע צולויפן צו מיר וועלן מיר עפּעס וועגן וואָס זיך דערמאָנען.

שירה האָט דאַן געלעבט אויף דער גאַס מיטן נאָמען פּאַוולאָווא, וואָס עס געפינט זיך גאַנץ ווייט פון צענטער מאָסקווע.

געוויינטלעך, גלייך פליען האָב איך ניט געקענט, פאָרט אַן אַרבעטנדיקער. איז ניט פשוט גלייך צו פאָרן ווו און ווען עס פאַרוועלט זיך.

איך האָב זיך דערוואַרט אויף אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין מאָסקווע און באַשלאָסן אויסצונוצן די מעגלעכקייט און באַזוכן שירהן.

זי האָט שוין קענטיק אויף מיר געוואַרט, ווייל ווען איך בין געקומען האָט זי מיר גלייך אָנגעבאָטן אַ גלאָז טיי מיט וואַרעניע און אַ טאָרט וועלכן זי האָט אַליין אויסגעבאַקן. מיין געבראַכטן טאָרט האָט זי אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט.

- מיין טאָרט וועט אייך מער געפעלן - האָט זי אַ זאָגט געטאָן. מיר האָבן זיך געזעצט ביים טיש. איך הער זיך צו אויף אירע ענטפערס און דערמאָנונגען פון דער אַמאָליקער היים און גלייכצייטיק קוק איך אויף די ווענט, באַהאָנגענע מיט פאַרשידענע בילדער. קענטיק אַז זי האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט:

- דאָס זענען בילדער פון מיין לעבנס באַגלייטער מענדע, מענדע גאָרשמאַן, וואָס איז מיר געבליבן אַלס אָנדענקונג. און דאָס איז אַ בילד פון סמאָקטונאָווסקי, אמת ווי אַ לעבעדיקער אויפן וואַנט. (דאַן האָט נאָך דער אַרטיסט ניט געהאַט דעם טיטול „פאָלקס אַרטיסט”.) איך האָב געוווּסט אַז סמאָקטונאָווסקי אינאַקענטי איז אַ נאָענטער צו איר משפחה, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין חוצפה צו גריבלען זיך אין אירע פאַמיליע־ענינים. ביי מיר איז ווי אַ געזעץ - אויב אַ מענטש דערציילט ניט אַלץ וואָס איך וואָלט וועלן

וויסן, האַלט איך זיך איין צו קריכן אין יענעמס לעבן. מיר האָט איצטער אינטערעסירט וואָס מער דערמאָנונגען פון מיין מאַמעס און שירהס ליטווישן שטעטל קראָק וואָס געפינט זיך אין קיידאַנער געגנט. אַלע וואָרצלען פון מיין מאַמעס משפּחה האָבן אַ שייכות צו דעם אָרט. נאָך מער, גלייך נאָך דער מלחמה בין איך געווען אין קראָק, געוואָלט זיך דערוויסן וועגן גורל פון מיין אָנקל משהס מאַמעס ברודערס, משפּחה און פון זיידן שמעון זצ״ל, וועלכע זענען אומגעקומען פון די ליטווישע רוצחישע הענט. דרך אגב, אין מיין בוך ״דער האָריזאָנט״ איז פאַראַן אַ דערציילונג וועגן משפּחה מאַרענסאָן - מיין אָנקל און וועגן לעבן אין דעם שטעטעלע קראָק. איך געדענק שוין ניט וועגן וואָס עס איז געקומען צו רייד, ווען שירה האָט מיר געזאָגט:

- דו האָטס ניט קיין מורא צו רעדן מיט מיר וועגן אַזעלכע זאַכן. - זי איז גלייך ווי איך בין געקומען צו איר אַריבער פון ״איר״ אויף ״דו״, (פון אירצן אויף דוצן) - איך בין דאָך אַ פאַרברענטע קאָמוניסטקע?

צי איז זי באמת געווען אַ קאָמוניסטקע צי ניט האָב איך ניט געוווסט, איך צווייפל שטאַרק אין דעם, ווייל שירה האָט ליב געהאַט צו מאַכן געלעכטערס, רעדן מיט וויצן, אַן אַנדערש מאָל גאַנץ שפּיציק, ווי געזאָגט, ניט אויפן ברעם נאָר גלייך אין אויג אַריין.

- וואָס איר וועט לויפן גלייך מאַסערן אויף מיר אין נקוו״ד? - האָב איך אין אַ שפּאַס געענטפערט.

- צי דען פאַרשטייסטו ניט וואָס איך האָב געזאָגט? איך בין אַ פאַרברענטע, דאָס הייסט איך בין שוין לאַנג פאַרברענט פון קאָמוניזם.

שירה האָט מיר געשאָנקען איינעם פון אירע פּילצאָליקע ביכער. אָבער דאָס בוך איז געווען אויף רוסיש ״דער דריטער דור״.

- פאַרוואָס ניט אויף יידיש? - פרעג איך.

- אויף יידיש וועסטו געפינען אין די געשעפטן אָן מיינע הילף.

שפּעטער האָט זיך מיט איר באַקענט מיין יינגערער ברודער שמעון און אַזוי ווי איך האָבן מיר אונטערגעהאַלטן מיט איר אַ קאָנטאַקט, לכבוד יום־טובים פלעגן מיר שיקן איינע דעם צווייטן באַגריסונגען.

ווען שירה איז געקומען ווידער קיין ארץ־ישראל, שוין צום צווייטן מאָל, האָב איך זיך מיט איר גלייך געטראָפן. דעם ערשטן מאָל איז שירה געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1923 יאָר. דאָס איז געווען נאָכן פאַרענדיקן דעם קאָוונער פאָלקס־אוניווערסיטעט. דאָ האָט זי אומגעקערט ווי אַ חלוצה געאַרבעט שווער אין דער קאָמונע ״גדוד העבודה״. נאָך דעם האָט זי זיך קיין ראַטן־פאַרבאַנד צו בויען דעם סאָציאַליזם - בויען צוזאַמען מיט אַ גרופּע לינקע קיבוצניקעס אַ יידישע קאָמונע אין קרים. דאָס איז שוין געווען אין 1929. דאָ באַקענט זי זיך מיטן מאָלער מענדל גאָרשמאַן, האָט פּאַר אים חתונה און פאָרט אין 1930 יאָר אַריבער קיין מאָסקווע, ווו זי האָט געלעבט ביז איר לעצטע עליה.

אירע פּילצאָליקע טאַלאַנטפולע קורצע דערציילונגען דרוקן זיך אין די דעמאָלטיקע יידישע אויסגאַבעס, אין זשורנאַל ״סאָוועטיש היימלאַנד״ און איבערזעצט אויף רוסיש - אין פאַרשידענע רוסישע אויסגאַבעס.

שירה האָט ליב דעם מענטשן, דעם האָרעפּאַשניק, דעם ערד אַרבעטער און אין פיל אירע דערציילונגען באַשרייבט זי זייער לעבן. זי איז אַ פאַרשידנאַרטיקע שרייבערין פון פאַרשידענע זשאַנערן, פון ערנסטע און סאַטירישע, מיניאַטורן, עטיודן, פאַרצייכענונגען. אין די צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָט שירה פיל געשריבן וועגן די העלדישקייטן פון קעמפער קעגן נאַציזם. עס איז אַרויס פון דרוק אַרום צען אירע ביכער

- פיל פון אירע דערציילונגען זענען אַריין אין גאָלדערנעם פאָנד פון אונדזער פאָלקלאָר און פראָזע.

אין מיין פאַרצייכענונג וויל איך אָפּמערקן וועגן אירע אייניקע אייגנשאַפטן. שוין דאָ לעבנדיק אין ישראל, ווען איך האָב זיך מיט איר ניט איין מאָן געטראָפן און זיך איבערגעשריבן, האָט מיר שטענדיק געחידושט איר אויסערגעוויינלעכער זיכרון און מוטיקייט. ניט געקוקט אויף איר טיפן עלטער, האָט זי פאַרגעדענקט פאַרשידענע אַמאָליקע איינצלהייטן, וואָס עס איז ניט יעדן דאָס באַשערט. זי פלעגט קיין מאָל זיך ניט שעמען צו זאָגן אירע באַמערקונגען גלייך אין די אויגן אַריין אָפנהאַרציק, ווי אַן איבערגעגעבענע מאַמע צו אַ קינד. איך האָב איר קיין מאָל ניט פאַרגעסן ווען זי האָט געלעבט צווישן אונדז און איך וועל איר שטענדיק געדענקען ווען זי האָט אונדז אויף אייביק פאַרלאָזן דעם 4־טן אַפּריל 2001, צום באַדויערן ניט דערציענדיק זעקס טעג צו איר 95 יאָריקן יובילײ. ערע איר אָנדענק!

שירע גאָרשמאַן

# אַזאַ ליבע באַשעפעניש

אומדערוואַרט איז געקומען דער ווינטער, די בלעטער זענען נאָך גרין אויף די ביימער און דער שניי דעקט זיי צו. מסתמא דערפאַר איז זי געקומען־צו מיר, אַריינגעפלויגן אין קיך, דורך דער פאָרטקע, זיך אַוועקגעשטעלט אויפן לייסטל, עטלעכע מאָל אַ טשיריקע געטאָן, אַראָפגעפלויגן, צוריק אַריין און גענומען פּיקן די ברעקלעך אויפן טיש. אַזאַ מין שיינהייט - געל דאָס קאַמזעלקעלע אונטערן העלדזל און די שפּיצן פון די פליגעלעך אויך געל און פּיקט און פּיקט, שפּרינגט אונטער, טרייסלט מיטן קעפּל, טוט עס אַ דריי, קוקט מיך אָן און פּיקט ווייטער. אַקורקאַט, איך בין דאָ ניטאָ. אויפגעפּיקט אַלע ברעקלעך, ווידער אַרויסגעפלויגן דורך דער פאָרטקע, געזעצט זיך אויפן לייסטל און פון דאָרט פאַלט דאָס, וואָס זי דאַרף שוין מער ניט האָבן. איי, טראַכט איך, ביסט דאָך גאָרניט קיין בכבודיקער גאַסט. אַזוי ווי זי וואָלט אונטערגעהערט מיין געדאַנק, האָט זי אַ שוועב געטאָן - און ניטאָ.

אויף מאָרגן אין דער פרי, איך גיי אַריין אין קיך, זי זיצט זיך אויפן לייסטל פון דער פאָרטקע און וואַרט הפנים. שיט איך איר אויס אַ ביסל גרויפּן אויפן טיש, גיי אַרויס פון קיך. אין אַ ווײַלע אַרום גיי איך אַריין אַוועקשטעלן דעם טשייניק - ניטאָ זי און ניטאָ די גרויפּן, אָבער סע קומט אויס ווי מע וויצלט זיך: „זייט מיר נאָך ניט געזונט, איך פאָר נאָך ניט אַוועק". איצטער קומט זי צו פליען אַלע אין דער פרי, ווייס איך שוין. איך דאַרף אָנשיטן גרויפּן און די פאָרטקע ניט פאַרמאַכן.

אליביידער / ירושלים

# צום אָנדענק פון יאַנוש קאָרטשאַק אין ישראל

איז דער ברייטער וועלט איז גוט באַקאַנט דער נאָמען יאַנוש קאָרטשאַק (פאַקטישער נאָמען הענריק גאָלדשמידט, 1878–1942), דער פּעדאַגאָג, דאָקטאָר, שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער אין פּוילן. אין 1908 ווערט ער אַ מיטגליד פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע צו העלפן יתומים און אין גיכן ווערט ער איר אָנפירער. ער האָט געשאַפן אַ היים פאַר יתומים פון אָרעמע משפחות, קראַנקע און שווער דערצויגענע קינדער. דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט האָט קאָרטשאַק אָפּגעגעבן דער אַרבעט מיט די קינדער, געלערנט זיי ווי אַזוי צו לעבן און זיין לייטישע מענטשן.

נאָך דעם ווי די דייטשישע אַרמיי איז אַריין אין וואַרשע און ס'איז געשאַפן געוואָרן דאָס געטאָ, ווערט קאָרטשאַקס יתומים־הויז אַריבערגעפירט אין געטאָ. אין די אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען הערט מען נישט אויף צו לערנען די קינדער. קאָרטשאַק טוט אַלץ כדי צו באַזאָרגן די קינדער מיט שפּייז און מעדיקאַמענטן.

קאָרטשאַק האָט אָפּגעוואָרפן אַלע פאָרשלאָגן פון זיינע פּוילישע פריינד זיך אויסצובאַהאַלטן ביי זיי. ווען די נאַצים האָבן אין אויגוסט 1942 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דעפּאָרטירן דאָס יתומים־הויז, איז קאָרטשאַק אין איינעם מיט זיינע צוויי הונדערט קינדער אַוועק צום אומשלאַג־פּלאַץ אין די פראַכט־וואַגאָנען וואָס האָבן זיי געפירט צו די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע.

די העלדישקייט פון יאַנוש קאָרטשאַק איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ לעגענדע. זיין פּערזענלעכקייט זענען געווידמעט אַ סך אויספאָרשונגען. אין יד ושם שטייט אַ דענקמאָל געווידמעט קאָרטשאַקן. ביי דעם מוזיי בית לוחמי הגטאות פונקציאָנירט אַ ראַט א"נ פון יאַנוש קאָרטשאַק מיט וועלכן עס פירט אָן בנימין אַנאָליק. דער ראַט פאַרנעמט זיך מיט פאָלגענדיקע ענינים:

* עס ווערט צוגעגרייט אַרויסצוגעבן אַלע ווערק קאָרטשאַקס'אין 16 בענד;
* מען פירט דורך קאָנפערענצן פון געלערנטע פון ישראל און פון דער וועלט;
* עס פונקציאָנירן קורסן צו העכערן די קענטעניש פון לערער און טוער אין פעלד פון בילדונג;
* יאַנוש קאָרטשאַקס ווערק ווערן פאַרשפּרייט אין די שולן;
* יעדעס יאָר דערשיינען פיר ביולעטינען וואָס אינפאָרמירן וועגן דער אַרבעט פונעם קאָרטשאַק־ראַט.

אין מוזיי איז פאַראַן אַ צענטראַלער אַרכיוו פון דאָקומענטן פון דער קאָרטשאַק־ירושה און אַן אויסשטעלונג ב"יד לילד". אַ דאָקומענטאַלער פילם "קאָרטשאַק של הילדים" באַקענט דעם עולם מיט קאָרטשאַקן דעם דאָקטאָר, שרייבער און דערציער. דער פילם באַזירט זיך אויף זיכרונות פון קאָרטשאַקס געוועזענע שילער.

פּאַראַלעל מיט דעם פונקציאָנירט אין ירושלים זינט אויגוסט 2001, אונטער דעם פּאַטראָנאַט פון דעם ציוניסטישן פאָרום, אַ קאָרטשאַק־סטודיע מיט וועלכער עס פירט אָן מיכל פּאָלסקי. די סטודיע איז געשאַפן געוואָרן מיטן ציל צו פאַראייניקן די ליבהאָבער פון קונסט. אָנגעהויבן האָט עס זיך פון דער אידעע צו מאַכן אַ ווידעאָ־פילם פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס פּיעסע "די פּאָסט", אין דער איבערזעצונג פון מיכל פּאָלסקי די פּיעסע האָבן געשפּילט די קינדער פון קאָרטשאַקס יתומים־הויז דעם 18־טן יוני 1942, עטלעכע וואָכן פאַר זייער אומקום. (המשך אויף ז' 72)

מיכאלה ספדי

# די קונסט פון יידיש:

## סעמינאַר געווידמעט אונדזער קולטור־ירושה

אָפּגעגעסן מיטאָג און שוין געהאַלטן ביים געזעגענען זיך, ווען דער רעדאַקטאָר האָט מיך געבעטן אָנשרייבן אַן אינפאָרמאַציע וועגן דעם יידיש־סעמינאַר, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער פאַריקן יאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס, אָרגאַניזירט דורך דער איבערגעגעבענער יידיש־טוערין און לערערין מרים קאָראַל. געקומען בין איך צום סעמינאַר ספּעציעל פון אַריזאָנע.

איך בין מסכים געווען און געפרעגט: "וויפל זייטלעך וואָלט איר געוואָלט"?

"אַן ערך פיר־פינף", איז געווען דער ענטפער.

"גאָטעניו", האָב איך אַ טראַכט געטאָן, "פינף זייטלעך, אַ ביסל צו פיל פאַר מיינע יידיש־כוחות". אין געדאַנק זענען מיר געקומען מיינע ערשט־יאָריקע סטודענטן אין אוניווערסיטעט, וועלכע קלאָגן זיך ווען איך פאַרגיב זיי אָנצושרייבן אַ פינף־צען זייטיקן באַריכט וועגן זייער פאָרש־אַרבעט (איך לערן זיי שרייבן אַקאַדעמישע עסייען). איך האָב טאַקע אַ דאָקטאָראַט אד"ט "המשך פון יידיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך", געשריבן אויף ענגליש, פאַרשטייט זיך, אָבער שרייבן אַן אַרטיקל אויף יידיש? דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש...

הכלל, דער סעמינאַר איז פאָרגעקומען פון 16־טן ביז דעם 22־טן דעצעמבער פ"י אונטער דעם שיינעם נאָמען: די קונסט פון יידיש; ירושה פון אַ דינאַמישער קולטור, אַן "איינטונק" אין דער לעבעדיקער שפּראַך, מוזיק און טעאַטער". און פאָרגעקומען איז דער סעמינאַר אין לאָקאַל פונעם אוניווערסיטעט פון קאַליפאָרניע, לאָס־אַנדזשעלעס (UCLA). געווען איז עס דער צווייטער "אינטענסיוו"־פּראָגראַם פון דעם "קאַליפאָרניער אינסטיטוט פאַר יידישער שפּראַך און קולטור".

די וואָך איז געווען אויסגעפילט דורך שפּראַך־קלאַסן אין די פרימאָרגן שעהן און לעקציעס נאָכמיטאָג. אָנגעפירט די קלאַסן האָבן פיר לערערס: **העניע לעווין** פונעם אוניווערסיטעט פון מאַסאַטשוזעטס; **יעקב באַסנער**, וועלכער לערנט יידיש אין אַרבעטער־רינג און אין דער בעווערלי הילז שול פאַר דערוואַקסענע; **שיינדל ליבערמאַן** פון "יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" און **פסח פישמאַן** פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. פיר און דרייסיק סטודענטן האָבן אָנטייל גענומען אין די שפּראַך־קלאַסן.

די פּרעכטיקע נאָכמיטאָג־לעקציס מיט אַ מער צאָלרייכער באַטייליקונג, זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם באַוווסטן לינגוויסט **דוד קאַץ**, וועלכער האָט מיט זיין ענציקלאָפּעדישן וויסן אונדז גענומען אין אַ פלי פון דעם אָנהייב פון יידיש דורך עפּיזאָדן אין דער געשיכטע פון 500 יאָר יידיש־וויסנשאַפט, די ליבשאַפט און שינאה צו יידיש, ביז אין דער צוקונפט פון מאַמע־לשון ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך. דער באַליבטער מוזיקער **מיכאַל אַלפּערט** פון דער קלעזמער־קאַפּעליע "די בראַווע אַלטע וועלט" האָט געלערנט יידישע דידאַקטישע לידער, און אין די אָוונטן געפירט טאַנץ־וואַרשטאַטן.

די באַליבטע לערערין און רעזשיסאָרין **סאַבעל בענדער** האָט פאַרכישופט דעם עלום אין סצענעס פון "די צוויי קוני לעמלס" און די "גאָלדענע קייט" אין דער לעקציע וועגן "רעוואָלוציע און פּאָליטיק אויף דער יידישער בינע"... און ווי אַ צוגאָב צו דעם וואונדערלעכן פּראָגראַם איז דער וועלט־באַרימטער פאָלקס־זינגער **טעאָדאָר ביקעל**

געקומען זינגען פֿאַר אונדז איין נאָכמיטאָג.

דער סעמינאַר האָט זיך געשלאָסן מיט אַ "הוליאַנקע", געפֿירט פֿון **מיכאל אַלפּערט**, **מיימאָן מילער** און **בערי פֿישער** פֿון דער "עליס איילענד קלעזמער־קאַפּעליע", און דעם פֿיינעם מוזיקער **יצחק סאָדאָגורסקי**. ביים סיום האָט מען געשאָנקען די לערערס בלומען און מתנות. יעדער לערער האָט געהאַט גוטע ווערטער און וויצן צו זאָגן וועגן די סטודענטן, אַז זיינע אָדער אירע שילער זענען געווען די בעסטע... עס איז קלאָר געווען פֿון די וואַרעמע דערמאָנונגען און מתנות, אַז סיי די סטודענטן סיי די לערערס האָבן גרויס הנאה געהאַט פֿון דער וואָך צוזאַמען זיין. דער קלאַס פֿון פּראָפֿ' פֿישמאַן האָט אַפֿילו אינספּירירט אַ לידל פֿון איין סטודענטקע, ווי אַן אויסדרוק פֿון דאַנק פֿאַר אַזאַ פֿיינער דערפֿאַרונג האָט די דיכטערין שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש געשענקט דעם לערער פּסח פֿישמאַן די פֿאָלגנדיקע שורות:

"מען זינגט אַ ליד:\
כ'האָב נאָך אַזאַ באָרשט ניט געגעסן.\
אונדזער קלאַס זינגט:\
מיר האָבן אַזאַ לערער ניט פֿאַרזוכט.\
ס'דערקוויקט דאָס האַרץ\
בעסער נאָך ווי עסן;\
ווען פּסח לערנט מיט אונדז\
ווערט אַ היימיש־וואַרעמע שטוב.\
אַ דאַנק אייך, פּסח."

און צום סוף: ווי דערמאָנט האָט דער סעמינאַר אויך געדאַרפֿט זיין "אַן איינטונק" אין דער לעבעדיקער שפּראַך". איך האָב נאָר איין טאָג אָנטייל גענומען אינעם קלאַס פֿון פּראָפֿ' פֿישמאַן. אין אָט דער וואַנסירטער מדרגה האָט מען, נאַטירלעך, גערעדט יידיש, און זייענדיק גוט באַקאַנט מיט די אַנדערע לערערס בין איך זיכער, אַז זיי האָבן אויך געפֿירט די קלאַסן, ווי ווייט מעגלעך, אין יידיש, הגם די לעקציעס פֿון מיכאל אַלפּערט און סאַבעל בענדער זענען געווען צוויי־שפּראַכיקע. עס האָט אָבער ווי געטאָן וואָס מען האָט כמעט קיין יידיש וואָרט נישט געהערט פֿון פּראָפֿ' **דוד קאַץ**. זיין קענטעניש אין דער יידישער שפּראַך און קולטור איז גוט באַוווּסט, און ער איז אַ דינאַמישער, ווונדערלעכער רעדנער, נאָר גערעדט האָט ער אויף דעם יידיש־סעמינאַר בלויז ענגליש! פֿאַרוואָס?

מיט אָט דער אָנגעווייטיקטער פֿראַגע קומט אויס צו פֿאַרענדיקן מיין אינפֿאָרמאַציע, וואָס איז "אַ ביסל" קירצער ווי ס'האָט געבעטן דער רעדאַקטאָר.

---

אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

**די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די מערב־שטאַטן פֿון אַמעריקע**

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **געלע שווייד פישמאַן**: "אין שטילע שעהן", לידער, 132 זז'. יעדעס ליד איז באַגלייט (זייט ביי זייט) מיט טראַנסליטעראַציע. פאַרלאַג "כתב", דאַבאָקען, ניו דזשערזי, 2002. דאָס בוך איז "אַרויסגעגעבן מיט דער אָן־אויפהעריקער דערמוטיקונג פון איטשע גאָלדבערג, רעדאַקטאָר פון "יידישע קולטור" – ווערט געזאָגט אינעם דאַנק־וואָרט פון דער דיכטירין. און איטשע גאָלדבערג שרייבט אין זיין "וואָרט פריער": "געלע שרייבט אירע לידער מיט זעלטענער סענסעטיווקייט און אָרנטלעכקייט. בטבע איז ביי איר קיין איין פאַלשער טאָן ניטאָ, מחמת דער עיקר איז דער אמת... אירע לידער אַנטפּלעקן זיך פאַרן לייענער, זאָגן אויס געוני וואָס זייער מיין איז, אָן באַהעלטעניש, פאַרקערט: זיי אָטעמען מיט ליבשאַפט און מיט האַרציקער אַנטפּלעקונג, אָפט מיט אַ שטילן טרויער און בענקענשי, אָבער תמיד מיט באַרעמדיקער ליכטיקייט און אמנה".

* "**טאָפּלפּונקט**" : נומער 3, זומער 2001, תל־אביב. פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגעס. אויסגאַבע פון דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר יידישער קולטור. רעדאַקטאָר: **יעקב בעסער**; מיטרעדאַקטאָר: **ישראל רודניצקי**. אַזוי ווי די ערשטע צוויי נומערן איז אויך דער דריטער נומער "טאָפּלפּונקט" רייך אין מאַטעריאַל – עסייען, דערציילונגען און לידער, און שיין אילוסטרירט מיט קונסטבילדער פון **יוסף זאַריצקי**.

* **שמואל באַט** : "געשטאַלטן פונעם אַמאָל" דערציילונגען, לאָס אַנדזשעלעס 2000. אינם בוך פון 300 זז' זענען צונויפגעקליבן 25 דערציילונגען־זיכרונות פונעם מחבר, וועלכער האָט, ליידער, נישט באַוויזן צו זען דאָס בוך אָפּגעדרוקט. ער איז געשטאָרבן איידער דאָס בוך איז דערשינען.

* "**אויפן שוועל**", ניו־יאָרק, יולי־סעפּטעמבער 2001. געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע. רעדאַקטאָר: ד"ר מרדכי שעכטער.

* "**יוגנטרוף**", ניו־יאָרק, אַפּריל 2001. אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל. שעף־רעדאַקטאָר: **לאה ראָבינסאָן**; מיטרעדאַקטאָרן: **הערשל גלעזער** און **שבע צוקער**.

* "**אונדזער צייט**", ניו־יאָרק, נאָוועמבער־דעצעמבער 2001, אָרגאַן פון קאָאָרדינער־קאָמיטעט פון בונד. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* "**לעבנס־פראַגן**", תל־אביב, יאַנואַר־פעברואַר 2002. סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

* "**מעלבורנער בלעטער**", מעלבורן, 2002 אַרויסגעגעבן דורך "קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע. רעדאַקטור: מ. **אייזענבוד**. וועגן דעם 90־יאָריקן יובל פון דער וויכטיקער קולטור־אינסטיטוציע שרייבן **משה אייזענבוד** און **יוסף ווינקלער**. חוץ דעם זענען פאַראַן אין נומער אַ ריי אַנדערע אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן.

* "**יידישע העפטן**", פּאַריז, יאַנואַר 2002. רעדאַקטירט דורך אַ קאָמיטעט: **הענרי בולאַווקאָ, קלאָד האַמפּעל, מרדכי לערמאַן, מילכה שולשטיין** און **שאַרל זאַבוסקי**.

* "**דער אָנהייב**", מיאַמי ביטש, פלאָרידאַ. נומער 30, 2001. רעדאַקטאָר: **אַלעק סילווער**.

* "**צום פּונקט**", נאָוועמבער־דעצעמבער 2001, יידיש פון גרויס־וואַשינגטאָן. רעדאַקציע: **בערנאַרד קאָנאַפּקאָ** – יידישער טייל, און **שעלבי שאַפּיראָ** – ענגלישער טייל.

# כראָניק פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

## 2001

* מוצאי שבת דעם 20־סטן אָקטאָבער, דערעפענונג פון נייעם קולטור־סעזאָן. אָוונט געווידמעט מרדכי געבירטיג אין וואָרט און געזאַנג. די פּאָרזיצערין פון קלוב, **לילקע מייזנער** רעפערירט וועגן לעבן און שאַפן פון דעם באַרימטן פאָלקס־דיכטער. געבירטיגס לידער האָט געזונגען **פעי אַבראַמאָוויטש**.

* מוצאי שבת דעם 3־טן נאָוועמבער, רעפעראַט פון ד"ר **משה וואָלף** אד"ט: יידישע פּרויען־דיכטערינס אין געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מוזיקאַלישער טייל - **רימאַ בירמאַן, פּיאַנאָ**.

* מוצאי שבת דעם 17־טן נאָוועמבער, לעקציע פון **יעקב באַסנער** אד"ט: ווידערגעבורט פון יידישע קהילות אין די באַלטישע לענדער. נאָך דער לעקציע - פראַגן און ענטפערט.

* מוצאי שבת דעם 1־טן נאָוועמבער, אָוונט געווידמעט דעם נייעם לידער־בוך פון פּראָפ' **שרה מאָסקאָוויטש** א"נ "קומט צום טיש". נאָך די באַגריסונגען און דעם דאַנק־וואָרט פון דער דיכטערין האָט דער אַקטיאָר **יעקב לעווין** פאָרגעלייענט איניקע לידער פונעם בוך. מוזיקאַלישער טייל: **סעם** און **אַלאַ קאָנוויזער**.

* מוצאי שבת דעם 15־טן דעצעמבער, גאַסט־רעדנער פּראָפ' **הירשע דוד קאַץ**, גרינדער און אָנפירער פון ווילנער יידישן סעמינאַר. רעפעראַט אד"ט: געשיכטע פון אומגעבראַכטן יידנטום אין ווייסרוסלאַנד, פוילן און אוקראַינע. פראַגן און ענטפערט.

## 2002

* מוצאי שבת דעם 5־טן יאַנואַר, לערער און לעקטאָר **הערשל האַרטמאַן**, רעפעראַט אד"ט: פאַרשפּעטיקטע געהיימע געשיכטע פון חנוכה. נאָכן רעפעראַט האָט דער לעקטאָר געענטפערט אויף פראַגן.

* מוצאי שבת דעם 19־טן יאַנואַר, קאָנצערט־אָוונט געווידמעט דעם יידישן ליד, אויסגעפילט דורך **העיל פּאָרטער**, באַגאַבטער אויסטייטשער פון יידישן ליד.

* מוצאי שבת דעם 2־טן פעברואַר, לעקציע פון פּראָפ' **דזשאַנעט האַדאַ** אד"ט: שפּילעוודיקייט פון יידישער שפּראַך ביים דיכטער **יעקב גלאַטשטיין**. פראַגן און ענטפערט.

* מוצאי שבת דעם 16־טן פעברואַר, קלעזמער־קאָנצערט אויסגיפילט דורך דזשאָרדאַן טשאַרנאָפסקיס קלעזמער־אַנסאַמבל.

* מוצאי שבת דעם 2־טן מערץ, אָוונט געווידמעט דעם גרויסן דיכטער **איציק מאַנגער**. אַריינפיר און נאַראַציע פון **לילקע מייזנער**, מאַנגערס לידער און באַלאַדן האָט פאָרגעלייענט דער אַקטיאָר **יעקב לעווין**, און **פעי אַבראַמאָוויטש** האָט געזונגען מאַנגערס לידער. פאָרזיצער פון אָוונט - **יוסף סאָסקי**.

* מוצאי שבת דעם 16־טן מערץ, לעקציע פון **משה שקליאַר**: צו דער 20־טער יאָרצייט פון דיכטער **משה שולשטיין**. מוזיקאַלישער טייל אויסגעפילט דוך דעם באַגאַבטן פידלער **אַלעקסאַנדער קאַלמאַן**.

**נתן שטיינמאַן**

# צום אָנדענק פון ליובע קאַנטאָראָוויטש - גילינסקי

אַוועק איז ליובע אין דער אייביקייט. זאַט אין יאָרן. איינע פון דעם מערקווירדיקן דור, וועלכער האָט געצויגן זיין יניקה פון דעם שטאַרקן פאַרוואָרצלטן פּויליש-יידישן שטאַם. געלעבט אין די יאָרן פון אויפברויז און ווידערבוי, ווען דאָס יידישע לעבן האָט אָנגעהויבן אָננעמען מאָדערנע פאָרמען. יידישע קולטור האָט פונאַנדערגענומען די פליגלען, די יידישע אינטעליגענץ, שטודירנדיקע יוגנט, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אידעאַלן פון "בונד" - גלייכהייט, ברידערלעכקייט, וואָס פירט צום אויסגלייכן דעם רוקן פון יידישן פּראָלעטאַריער, צום דערציען די קינדער אין גייסט פון גוטסקייט, מאָראַלישע ריינקייט; דערנענטערן זיי צו דער נאַטור און גיבן זיי גלויבן אין מענטש און אין דער אַרומיקער וועלט.

דאָרט, אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן, אין וואַרשע, האָט ליובע צוזאַמען מיט איר מאַן שלמה גילינסקי אַריינגעוואָרפן זיך מיט אימפּעט אין דער אַרבעט צום דערציען דאָס יידישע קינד וואָס האָט געליטן נויט, אָרעמקייט און זעלטן געזען די בלויקייט פון הימל. אָפט מאָל האָבן מיר מיט ליובען דערמאָנט יענע צייטן און זי פלעגט דערמאָנען לידער, אָדער פּאָעמעס, וואָס זי האָט פאַר די קינדער געלייענט ווען זי האָט געאַרבעט אין דער קינדער סאַנאַטאָריע א"נ פון וולאַדימיר מעדעם אין מיעדזעשין - הינטער וואַרשע. דאָרט, אין דעם אויסגעטרוימטן ווינקל פון ליכט און זון-שיין, האָט ליובע יאָרן געאַרבעט און דערצויגן פּלעיאַדעס פון שילער, וועלכע פלעגן נאָך איצט, נאָך יאָרן פון אומקום, דערמאָנען יענע ליכטיקע טעג און ליובעס איינפלוס אויף זייער ווייטערדיקן לעבנס-גאַנג.

ווייט איז דער וועג פון וואַרשע ביז די ברעגן פון אַמעריקע. יאָרן פון נע-ונד, וואַנדערנוגען פון פאַרברענטן וואַרשע, דורך פּוילישע און רוסישע וועגן - ביז זייער אָנקומען אין דעם פרייען לאַנד. האָט זיך ליובע באַפרייט פון דעם גרויליקן קאָשמאַר? - ניין. אָבער דאָס לעבן, דאָס נייע לעבן האָט געפאָדערט ענדערונגען. זי אַרבעט אין אַ שאָפּ, נאָך דער אַרבעט - אוניווערסיטעט קלאַסן, ווו זי לערנט סאָציאַלע אַרבעט. געווען ביי איר אַ קאָלאָסאַלער ווילן צו העלפן דעם מיטמענטש און אַזוי אַרום פאַרווירקלעכן די אַלטע טרוימען.

נאָך דעם טויט פון איר מאַן גיט ליובע אַרויס, צוזאַמען מיט איר זון וויקטאָר, (אַ באַקאַנטער וויסנשאַפט-פאָרשער) אַן אָנדענק-בוך געווידמעט דער מעדעם-סאַנאַטאָריע. דאָס בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1971, איז אַ ווירדיקער מאָנומענט פאַר דער אויסערגעוויינטלעכער אינסטיטוציע, אירע קינדער, לערער און אַרבעטער.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ליובע אויך אַרויסגעגעבן אַ פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון דעם פילם "מיר קומען אָן" געווידמעט די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע.

ליובע גילינסקי איז פאַרבליבן, ביז אירע לעצטע טעג פון לעבן, אַ געטרייע, איבערגעגעבענע, שטאָלצע און גלויביקע קעמפערין פאַר דער יידישער וועלטלעכער קולטור, פאַר אונדזער לשון און פאַר אונדזער גרויסער ירושה. איר איבערגעגעבנקייט און ליבע צו אונדזער יידישן קולטור-קלוב איז געווען אָן גרענעצן.

איז ליובע אַוועק - איינע פון אַ מערקווירדיקן דור, וועלכער איז געווען טיף פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער-און שול-באַוועגונג, מיט יידישער קולטור אין אַלע אירע פאָרמען.

אַדיע ליובע - מיר וועלן דיך מיט כבוד און דרך-ארץ פאַרגעדענקען.

ל - ע